# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

קרח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**


© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה
ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע
אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת קרח


ויקח קרח - ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי אַ 'צופאַל' ........ ד

נסו לקולם - דער גרויסע כח פון תפילה וואָס ליגט אין אונזער הענט ........ ז

וידע ה' את אשר לו - אַ איד האָט אייביג האָפענונג תשובה צו טוהן ........ יב

ולא יהיה כקרח וכעדתו - די עבירה פון מחלוקת איז ערגער פון עבודה זרה........ טו


**ספה"ק בת עין**

**... אַךְ נוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** אבער אונז קענען זאגן אויף די וועג, **דְּהִנֵּה צָרִיךְ לְהָבִין מִפְּנֵי מַה נִשְׁתַּנָּה תְּכֵלֶת לְמִצְוַת צִיצִית מִכָּל שְׁאָר הַצִּבְעוֹנִים** ווייל אונז דארפן פארשטיין וואס איז פארענדערט געווארן די פארב פון תְּכֵלֶת ביי די מצוה פון צִיצִית מער פון אלע אנדערע פארבן און קאלירן. **דְּהִנֵּה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (חולין פט.) **שֶׁתְּכֵלֶת דּוֹמֶה לְיָם** ווייל חז"ל האבן געזאגט אז תְּכֵלֶת איז צוגעגליכן צו די יָם, **וְיָם דּוֹמֶה לְרָקִיעַ** און אז די יָם איז צוגעגליכן צום הימל, **וְרָקִיעַ דּוֹמֶה לְכִסֵּא הַכָּבוֹד** און די הימל איז גלייך צו די כִּסֵּא הַכָּבוֹד. **וּלְהָבִין הָרֶמֶז מַה שֶּׁרָמְזוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בְּג' דִּמְיוֹנוֹת אֵלּוּ בְּדֶרֶךְ זֶה** און צו פארשטיין די רֶמֶז וואס חז"ל האבן געמיינט מיט די וועג פון צוגלייכן די תְּכֵלֶת צו די דריי זאכן יָם רָקִיעַ כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

**דְּהִנֵּה יֵשׁ ג' לְבוּשִׁין מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה** ווייל עס איז דא דריי לְבוּשִׁין מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, **וְצָרִיךְ הָאָדָם לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר ג' לְבוּשִׁין אֵלּוּ** און א מענטש דארף מְקַדֵּשׁ און מְטַהֵר זיין די דריי לְבוּשִׁין, **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה תָּמִיד מַחְשַׁבְתּוֹ דְּבוּקָה בְּהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** דאס מיינט אז זיין מַחֲשָׁבָה זאל שטענדיג זיין באהאפטן אינעם באשעפער, **וְכָל דִּבּוּרָיו וּמַעֲשָׂיו יִהְיוּ רַק בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לַעֲשׂוֹת בָּזֶה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ וּבוֹרְאוֹ** און אלע זיינע מעשים און וואס ער רעדט זאלן נאר זיין אין תּוֹרָה און מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים כדי צו טאהן דערמיט א נַחַת רוּחַ פארן באשעפער.

**וְזֶהוּ שֶׁרָמְזוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בְּג' דִּמְיוֹנוֹת הַנַּ"ל** און דאס איז וואס חז"ל האבן מרמז געווען מיט די דריי אויבענדערמאנטע צוגלייכונגען (יָם רָקִיעַ כִּסֵּא הַכָּבוֹד), **שֶׁבְּחִינַת תְּכֵלֶת מְרַמֵּז עֲלֵיהֶם** ווייל די בחינה פון תְּכֵלֶת איז מרמז אויף זיי, **שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר ג' לְבוּשִׁין הַנַּ"ל** ווייל א מענטש דארף מְקַדֵּשׁ מְטַהֵר די דריי אויבענדערמאנטע לְבוּשִׁין מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה. **וְעַל יְדֵי הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת שֶׁעוֹשֶׂה** און דורך די בלויע פאדעם (פְּתִיל תְּכֵלֶת) וואס דער מענטש מאכט אויף די עק (כָּנָף) פונעם טַלִּית, **וְרוֹאֶה אוֹתָם תָּמִיד** און ער זעהט עס שטענדיג, **יוּכַל לָבֹא לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה בְּג' לְבוּשִׁין הַנַּ"ל** קען דער מענטש צוקומען צו א בחינה פון א קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה אין די דריי אויבענדערמאנטע לְבוּשִׁין (מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה)... **(פרשת קרח ד"ה בקר ויודע ה')**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת קרח

**ויקח קרח - ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי אַ 'צופאַל'**

**'ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי'** (טז, א). זאָגט דער 'דברי ישראל' (ליקוטי דברי ישראל, קרח, ד"ה 'ויקח קרח'), אַז דער טעות פון קרח איז געווען, וואָס ער האָט זיך איינגערעדט אַז מ'נעמט זיך אַליין, אַז דער מענטש קען זיך אַליין נעמען הערשאַפט און פירערשאַפט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז 'לך ה' הגדולה' - גרויסקייט קומט פון דעם אויבערשטען, און נאָר דער אויבערשטער איז 'בידו לגדל ולחזק לכל'. וועגן דעם איז ער אַנגעקומען דאָרט וואו ער איז אָנגעקומען, און האָט אַראָפּגענידערט צום שאול תחתיות לעבעדיגערהייט.

**לויט דעם,** טייטשט דער 'דברי ישראל' די ווערטער פון דער גמרא (תענית כה.) 'משמיא מיהב יהבי, משקל לא שקלי'. פון הימל גיט מען, אָבער מ'נעמט נישט אַוועק. דאָס הייסט, מ'גיט פאַר דעם מענטש פון הימל אַלעס וואָס איז אים באַשערט, און דער מענטש קען זיך נישט אַליין נעמען אפילו אַ קליינינקייט, אויב מ'האָט עס אים נישט געגעבן פון הימל.

**פון דעם** קען יעדער איינער פאַרשטיין, אַז מ'קען זיך נישט אַליין נעמען קיין געלט, פאַרמעגנס, הערשאַפט אָדער קיין שום אַנדערע זאַך, נאָר אַלעס קומט אָן צום מענטש לויט ווי ס'איז אים באַשערט מיט אַ פונקטליכן חשבון פון הימל. קיין באַשעפעניש אויף דער וועלט קען נישט אַוועקנעמען פון אים דאָס וואָס עס קומט אים, און דער אויבערשטער וועט אים שוין משלים זיין מיט אַ גרויסע הרחבה[א].

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יז, כג) 'והנה פרח מטה אהרן לבית לוי, ויוצא פרח ויצץ ציץ ויגמל שקדים', זאָגט דער 'כלי יקר' (ד"ה 'והנה פרח'), לכאורה וואָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט מרמז זיין מיט דעם וואָס ער האָט געמאַכט אויפשפּראָצן דעם שטעקן פון אהרן הכהן.

---

**א.** צען יאָר צוריק, האָט פּאַסירט אין דער שטאָט בית שמש, די פאָלגענדע מעשה: צוויי חשוב'ע משפחות האָבן חתונה געמאַכט זייערע קינדער בשעטו"מ. דער שידוך איז שוין צושטאַנד געקומען אַ יאָר פריער. דער חתן האָט אין זיין משפחה אַ באַקאַנטן זינגער, און דער אבי החתן האָט באַצייטענס גערעדט מיט אים, און אים באַשטעלט צו זינגען ביי די חתונה פון זיין זון. עטליכע וואָכן שפּעטער, ווען די מחותנים האָבן זיך געטראָפן, האָט דער פאָטער פון דער כלה געפרעגט דעם טאַטן פונעם חתן, וואָס ער קלערט צו טוהן וועגן אַ 'זינגער'. האָט דער אבי החתן געענטפערט, אַז ער האָט אַ קרוב וועלכער איז אַ פיינער זינגער, און איך האָב אים שוין באַשטעלט צו זינגען ביי אונזערע קינדער'ס חתונה. האָט דער פאָטער פון דער כלה געזאָגט צום פאָטער פונעם חתן, אַז ער וויל זייער באַשטעלן אַ געוויסן זינגער, וועלכער זינגט פיל שענער ווי אייער קרוב. בלית ברירה, האָט דער טאַטע פונעם חתן טעלעפאָנירט צו זיין קרוב און אים געבעטן מוותר צו זיין... כאָטש ס'איז געווען שווער פאַר דעם קרוב מוותר צו זיין אויף זיין פרנסה יענע נאַכט, האָט ער זיך אָבער געשטאַרקט אויף זיינע געפילן און אָפּגעטרעטן, טראַכטנדיג ביי זיך, אַז מ'וועט אים מסתמא רופן צו אַן אַנדערע חתונה, ווייל אַ חתונה אין חודש סיון איז נישט אַ זעלטנהייט. ס'איז דאָך אַ חודש וואָס איז 'פאַרנומען' מיט חתונות יעדע נאַכט.

אגב, ביידע זינגערס קענען גוט איינער דעם אַנדערן, און אויב דער קרוב וואָס האָט 'שאָדן געהאַט' די נאַכט, וואָלט געזאָגט אַ וואָרט פאַר דעם אַנדערן זינגער, פאַרוואָס האָסטו מיר צוגענומען די אַרבעט... וואָלט דער צווייטער זיכער זיך באַלד צוריקגעצויגן פונעם 'קאָנטראַקט', און ער וואָלט נישט געזינגען ביי דער חתונה, אָבער במשך פון גאַנצן יאָר, פון סיון תשע"ה, ביז סיון תשע"ו, האָט דער קרוב זיך איינגעהאַלטן, און נישט געזאָגט אַ וואָרט... כאָטש יענע נאַכט איז אים געבליבן ליידיג. ס'איז געווען די איינציגע נאַכט פון שבועות ביז שבעה עשר בתמוז, וואָס ער איז נישט באַשטעלט געוואָרן צו זינגען און משמח זיין ביי אַ חתונה.

**זאָגט** דער 'כלי יקר', אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט מרמז זיין, אַז ער קוקט אויף יעדע זאַך אַנדערש ווי דער מענטש קוקט דערויף מיט זיינע מענטשליכע אויגן. דאָס הייסט, אויך ווען מיר זעען אַ מענטש וואָס איז אַזוי ווי אַ 'טריקענער האָלץ', ער האט נישט אין זיך קיין שום 'שמעק' פון תורה און חכמה, איז מעגליך אַז דער אויבערשטער זאָל אים מאַכן אויפשפּראָצן, און אַזוי פאַרקערט, אַזוי ווי חז"ל דרש'ענען (ילקוט שמעוני, יחזקאל, רמז קח) אויפ'ן פסוק (יחזקאל יז, כד) 'הובשתי עץ לח והפרחתי עץ יבש', אַז עס גייט אַרויף אויף אהרן און קרח.

**און** דאס איז א לימוד פאר יעדעם איינעם צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי אַ 'צופאַל', אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן דערויף אַז עס זאָל אַזוי זיין. ווען דער אויבערשטער גיט דעם באַפעל דערויף, קען אַפילו אַ טרוקן שטיקל האָלץ אויך אויפשפּראָצן און אַרויסגעבן שיינע בלומען און מאַנדלען, און פון דער אַנדערער זייט, קען דער אויבערשטער אויסטריקענען אַ פרישן בוים און אַ נאַסן גאָרטן, אַז עס זאָל נישט אַרויסגעבן קיין שום פירות.

**אַזוי** האָט דער הייליגער רוזינער זי"ע געטייטשט די גמרא (חגיגה ד.) 'איזהו שוטה המאבד מה שנותנים לו'. אַ 'שוטה' איז דער מענטש וואָס ער פאַרליערט די ידיעה אַז 'נותנים לו' - אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט, האָט מען אים 'געגעבן' פון הימל, און דער מענטש אַליין נעמט זיך גאָרנישט אַליין. 'שהבורא יתברך שמו, הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'[ב] (ספר 'אמרי פנחס השלם', שער עבודת ה', אות סב).

**אויב** דער מענטש ווייסט קלאָר אַז אַליין קען מען זיך גאָרנישט נעמען, האָט ער נישט וואָס זיך צו

---

אַלזאָ, ס'איז געקומען די נאַכט פון דער חתונה, און דער זינגער וואָס איז באַשטעלט געוואָרן, איז געקומען צום 'קבלת פנים', און געזינגען, און אַזוי אויך ביי דער חופה, און ביי דער סעודה. זיין קול איז אָבער געווען הייזעריג, עס האָט נישט געהאַט קיין טעם און קיין חן... ביז ער האָט געשפּירט אַז ס'איז בעסער פאַר אים צו שווייגן... ער האָט פּרובירט איינעמען ספּעציעלע געטראַנקען פאַר זיין שטימע, עס זאָל בעסער ווערן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן...

ביים ענדע פון דער סעודה, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען אין זאַל דער צווייטער זינגער, אַלס 'קרוב' פון צד החתן... וויבאַלד זיי קענען זיך איינער דעם אַנדערן, האָט דער באַשטעלטער זינגער געבעטן דעם אַנדערן זינגער, דעם קרוב, איבערצונעמען דעם מיקראָפאָן, און אים ראַטעווען פון די בזיונות און בושות... דער קרוב האָט אַזוי געטוהן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן 'סטעידזש', און פון דאָרט און ווייטער האָט ער געזינגען 'ביד רמה', כיד ה' הטובה עליו, און ער האָט אַפילו באַקומען באַצאָלט דעם פולן פּרייז...

זעען מיר פון די מעשה, אַז דער ערשטער האָט גאָרנישט שאָדן געהאַט פון דעם וואָס ער האָט **אָנגענומען מיט ליבשאַפט דעם כלומר'שטען 'שאָדן'**, ווייל דאָס וואָס ס'איז געווען באַשערט פאַר אים לכתחילה, איז סיי-ווי געבליבן אין זיינע הענט. אדרבה, ס'איז אים נאָך אָנגעקומען אַסאַך לייכטער, ווייל ער האָט נאָר געדאַרפט זינגען אין משך פון אַ האַלבער צייט ביי דער חתונה, און ער האָט באַקומען דעם פולן פּרייז דערפאַר... באַזונדער האט זיך אַרויסגעשטעלט די געוואַלד'יגע השגחה פּרטית פאַר דעם ערשטן זינגער, ווייל מ'האָט אים צוגעגרייט פון הימל אַ 'פאַרטרעטער', אויב ער וועט ווערן הייזעריג אינמיטן די חתונה... וואָס וואָלט ער דען געקענט טוהן אויב דער קרוב וואָלט באַשטעלט געוואָרן צו זינגען יענע נאַכט ביי אַ צווייטע חתונה. דאַן וואָלט ער דאָך אַרויסגעגאַנגען 'בשן ועין', ווען ער איז הייזעריג געוואָרן, און נישט נאָר דאָס, נאָר דעמאָלס, אינמיטן די חתונה, איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ בן זכר למזל טוב, און ער האט געקענט אַהיימגיין. דאָס אַלעס האָט דער באַשעפער צוגעפּירט אַ יאָר פריער... ממילא, טאָר מען זיך קיינמאָל נישט אָפּרעדן אויף די הנהגה פון דעם באַשעפער...

**ב.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ יונגערמאַן וואָס איז לעצטנס געווען אויף אַ שבת ביי כ"ק הגה"צ גאב"ד מאַקאָווא שליט"א. ווען דער מאַקאָוואער רב שליט"א האָט באַמערקט אַז דער יונגערמאַן האָט אויף זיין האַנט אַ 'גיפּס', האָט ער אים געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, און דער יונגערמאַן האָט אים געענטפערט, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן ווען ער איז געקראָכן אויף די בערג און טאָלן פאַרגאַנגענעם ל"ג בעומר, וועלנדיג אַרויפגיין קיין מירון (ווי באַקאַנט, האָט די מלכות הרשעה היי יאָר נישט ערלויבט ערליכע אידן צו פאָרן ל"ג בעומר קיין מירון. זיי האָבן

פאַרשטעלט אַלע וועגן, און דער וואָס האָט געוואָלט גיין, האָט געמוזט שפּרינגען איבער די בערג און טאָלן, כדי נישט געכאַפּט צו ווערן). האָט דער מאַקאָווער רב געזאָגט צו דעם יונגערמאַן, כ'וועל דיר דערציילן אַ מעשה.

און דער מאַקאָווער רב שליט"א האָט דערציילט, אַז ג' חשון תשכ"ז, אין יאָרצייט פון הייליגן רוזינער זי"ע, האָט דער סאַדיגערער-פּשעמישלער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי מרדכי שלום יוסף זצ"ל, דערציילט די פאָלגענדע מעשה: דער הייליגער רוזינער זי"ע איז געווען אַרעסטירט אין טורמע 22 חדשים. צום סוף פון זיין טורמע טערמין, האָט איינער פון די חסידים פון הייליגן רוזינער, רבי יחזקאל פון זוואַניץ, וועלכער האָט געהאַט אַן איינפלוס ביי די פאַרוואַלטונג פון דער טורמע, אונטערגעקויפט די אויפזעער און וועכטער פון טורמע, און ער האָט באַקומען רשות אַריינצוגיין באַזוכן דעם הייליגן רוזינער פאר בלויז 15 מינוט.

ווען רבי יחזקאל האָט באַזוכט דעם רוזינער, האָט דער רוזינער אים געזאָגט: איך האָב נאָכגעפאָרשט, און איך האָב נישט געטראָפן ביי זיך קיין שום חטא פאַרוואָס איך זאָל דאַרפן שמאַכטן אין טורמע. נאָר איין זאַך וואָס איך קלער, אַז איך דאַרף איבערבעטן אַ איד פון דער שטאָט יאַס.

די מעשה איז געווען, אַז אין יאָר תקצ"ד, איז דער הייליגער רוזינער זי"ע געפאָרן קיין יאַס, כדי אַריינצוברענגען אַ שלום אין שטאָט, ווייל עס האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ שרעקליכע מגיפה רח"ל, און די צדיקי הדור האָבן תולה געווען די סיבה דערפון, אויף אַ מחלוקת וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן די רבנים און די 'באַלעבאַטים' פון דער דאָרטיגער קהילה.

וויבאַלד די עסקנים האָבן געוואוסט אַז לכבוד דעם באַזוך פונעם רוזינער וועט זיין אַ גרויסע געשטופּעניש צווישן די חסידים אין שטאָט, האָבן זיי געבעטן די פּאָליציי אין שטאָט, צו שיקן פּאָליציאַנטן צו היטן די אָרדענונג. איינער פון די טערקישע פּאָליציאַנטן, וועלכער איז פון דער נאַטור געווען אַן אויפגערעגטער, האָט ביים זען ווי איינער פון די אידן שטופּט זיך צו זען דעם רוזינער, אים געשלאָגן מיט זיין שטעקן, און דער איד איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

ווען דער רוזינער האָט געהערט דערפון, האָט ער זיך זייער מצטער געווען דערויף, און יעצט האָט ער געזאָגט צו דעם דערמאנטן רבי יחזקאל זוואַניצער, '**כאָטש איך האָב נישט גערופן די פּאָליציי צו קומען האַלטן אָרדענונג, אָבער וויבאַלד איך בין דאָך סוף כל סוף, געווען דער גורם פאַר דער ענגשאַפט אויפ'ן גאַס, קומט דאָך אויס אַז אומוויסנדיג, האָב איך גורם געווען אַ צער פאַר דעם איד.** בעט איך פון דיר, איך גיב דיר אַ שליסל, און פאָר אַריבער צו מיר אַהיים, און זאָגן פאַר מיינע קינדער, זיי זאָלן עפענען איינעם פון די שענק און אַרויסנעמען פון דאָרטן אַ זעקל מיט גאָלדענע רענדלעך, וואָס איך האָב מיטגעברענגט מיט זיך פון יענעם באַזוך אין יאַס. זע, ביטע, צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין יאַס, איבערצו בעטן יענעם איד'.

דער רוזינער האָט צוגעגעבן, אַז ער ווייסט נישט פּונקטליך ווער דער איד איז געווען, אָבער ער האָט דעמאָלס געהערט אַז מ'רופט אים 'וועלוול דער שענקער'. 'גיב אים, אַלזאָ, דאָס זעקל מיט גאָלדענע רענדלעך, און בעט פון אים מחילה אין מיין נאָמען'.

ווען די דעלעגאַציע איז אָנגעקומען אין יאַס, האָבן זיי געהערט אַז דער איד איז אינצווישן שוין ליידער אַוועק פון דער וועלט ל"ע. זענען זיי אַריבערגעגאַנגען מיט'ן געלט צו זיין אלמנה, וועלכע האָט קוים געדענקט די גאַנצע מעשה, ווייל איר מאַן האָט זיך נישט גענומען צום האַרץ דערפון, און אויך איז זיין האַנט גאַנץ שנעל אויסגעהיילט געוואָרן. די דעלעגאַציע פונעם רוזינער האָבן אָבער געפּועלט ביי דער אלמנה זי זאָלן נעמען דאָס געלט, און מ'האָט אויסגעקליבן צען מענטשן אַריבערצוגיין צום קבר פון רבי וועלוול דער שענקער, און בעטן מחילה אין נאָמען פונעם רוזינער. אַ קורצע צייט שפּעטער, איז דער רוזינער באַפרייט געוואָרן פון תפיסה...

דער מאַקאָווער רב שליט"א האָט אויסגעפירט זיין סיפור המעשה צו דעם יונגערמאַן: דו האָסט דאָך צובראָכן דיין האַנט פאַר'ן כבוד פון רבי שמעון בר יוחאי, און דורך אים האָסטו באַקומען דעם דאָזיגן קלאַפּ. וועט רבי שמעון דיך אַוודאי איבערבעטן, און בענטשן מיט אַלע ברכות פון הימל.

פון אונזער זייט, ווילן מיר צולייגן: יעדער איד דאַרף געדענקען וואָס ס'איז זיין תפקיד אויף דער וועלט. **אין אַ צייט ווען עס זענען דאָ אַזוי פיל נסיונות, איז כדי צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, דאַרף מען אַביסל צוברעכן די אייגענע רצונות און תאוות, און דאַן וועט דער אויבערשטער, וואָס מיר צוברעכן זיך פאַר זיין כבוד, אונז אַוודאי 'איבערבעטן', און משפיע זיין אויף אונז דאָפּלטע טובות און ברכות.**

באַמיען און זוכן אַנצובינדן 'קשרים', פאַרבינדונגען מיט 'גרויסע און וויכטיגע מענטשן', און נאָכלויפן זיין פרנסה מיט איבעריגע השתדלות. ער דאַרף אַרויפוואַרפן זיין גאַנצן 'פעקל' אויף דעם באַשעפער, ווייל ער טוט דאָך סיי-ווי אַלעם.

**דער** נביא ירמי' זאָגט (ירמי' יז, ז) 'ברוך הגבר אשר יבטח בה', והיה ה' מבטחו'. לכאורה זאָגט דער נביא דאָ אַ דאָפלטן לשון, ווייל ס'איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז דער וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען (יבטח בה'), איז דער אויבערשטער זיין פאַרזיכערונג.

**ענטפערט** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', שער אמת ואמונה, אות נא) אין נאָמען פון הרה"ק רבי מענדעלע זי"ע, דער מגיד פון באַר, אַז יעדער איד פאַרלאָזט זיך טאַקע אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט אים צושטעלן זיין פרנסה, נאָר וואָס דען, ער פאַרלאָזט זיך אָבער אויך אין זיין געדאַנק, אַז די פרנסה וועט אים קומען דורך אַ סיבה. צום ביישפיל, דער שניידער טראַכט אַז דער אויבערשטער העלפט אים פאַרדינען געלט דורך דעם וואָס אַ גרויסער 'פריץ' וועט באַשטעלן ביי אים צו נייען פאַר אים און זיין משפחה שיינע קליידער, דער געוועלבער פאַרלאָזט זיך אַז דער אויבערשטער וועט אים צושיקן גוטע קונים, אַז ער זאָל גוט פאַרדינען מיט זיין סחורה, און אַזוי ווייטער.

**קומט** אויס, אַז דער איד האָט טאַקע בטחון אין דעם אויבערשטען, אָבער זיין 'פאַרזיכערונג' איז אויף אַן אַנדערע זאַך. צוליב דעם זאָגט דער פסוק: ברוך הגבר אשר יבטח בה'. דאָס איז אָבער נישט גענוג, נאָר ער דאַרף אויך מקיים זיין 'והיה ה' מבטחו' - זיין גאַנצע פאַרזיכערונג זאָל זיין נאָר אויף דעם אויבערשטען, און נישט אויף אַ געוויסע סיבה... אויך אויב ער טוט אַ געוויסע 'השתדלות' פאַר זיין פרנסה, איז אָבער זיין געדאַנק געוואָנדן צו דעם אויבערשטען, אַז פון אים וועט קומען זיין פרנסה (דער 'אור המאיר', פ' בהעלותך, ד"ה 'על דרך ששמעתי', ברענגט דעם הייליגן געדאַנק, אין נאָמען פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, עכ"ד האמרי פנחס).

**נסו לקולם - דער גרויסע כח פון תפילה וואָס ליגט אין אונזער הענט**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (טז, לד) 'וכל ישראל אשר סביבותיהם נסו לקולם, כי אמרו פן תבלעינו הארץ'.

**פרעגט** דער בעלזער רב, הרה"ק מהר"ש זי"ע, אַז דער פסוק וואָלט געדאַרפט זאָגן 'נסו מקולם', נישט 'לקולם'. אויך דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זענען זיי אַנטלאָפן? אַ מענטש קען דאָך נישט אַנטלויפן פון דער גזירה פונעם באַשעפער ברוך הוא, וואָס 'מלא כל הארץ כבודו'. אויב דער באַשעפער וויל אַז די ערד זאָל זיי איינשלינגען, איז אויך אויב זיי וועלן אַנטלויפן ערגעץ אַנדערש, וועט זיך די ערד דאָרט עפענען און זיי איינשלינגען. דוד המלך ע"ה האָט דאָך אויך שוין געזאָגט (תהלים קלט, ז) 'אנה מפניך אברח' - וואו קען איך אַנטלויפן פון דיר?

**ענטפערט** דער 'שר שלום' זי"ע, מיר האָבן דאָך בירושה פון אונזערע אבות דעם כח פון תפלה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, כב) 'הקול קול יעקב'. ביי יעדע צרה שלא תבוא דאַרף מען זיך אָנכאַפּן אין דעם 'קול' - מתפלל זיין צו דעם באַשעפער, און אַזוי ווערט דער צער באַלד אָפּגעטוהן פון דעם מענטש[ג].

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, ווען די אידן האָבן געזען דעם שרעקליכן עונש וואָס קרח און זיינע מענטשן

---

ג. אין דער צייט פון דער זעקס-טאָגיגער מלחמה אין יאר תשכ"ז, זענען פאָרגעקומען אין פילע בתי מדרשים 'עצרות תפילה'. אויך אין דעם באַקאנטן בית המדרש 'שומרי שבת' אין באָראָ פּאַרק זענען פאָרגעקומען משמרות פון תהלים. אינמיטן זאָגן תהלים האָט אַן עלטערער איד באַמערקט ווי אַ יונגערמאַן גייט אַרויס פון שול. איז ער אים נאָכגעגאַנגען, כדי צו זען וואָס ס'איז אים אַזוי 'וויכטיג' דייקא אינמיטן תהלים, און ער האָט באַמערקט, אַז ער נעמט אַרויס פון טאַש אַ קליינע 'כלי'. האָט דער עלטערער איד אים געפרעגט וואָס דאָס איז, און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט: 'אָה, דאָס איז אַ 'ראַדיאָ', וואו מ'קען הערן די נייעס... און וויבאַלד ער האָט קרובים וואָס וואוינען אין ארץ ישראל, און ער איז איז זייער אָנגעצויגן איבער דעם מצב, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שול, כדי צו הערן די נייעס'... האָט דער עלטערער איד אים געזאָגט:

האָבן באַקומען, זענען זיי באַלד אַנטלאָפן 'לקולם' - צו זייער קול[ד]. זיי האָבן מתפלל געווען צום באַשעפער,

---

- נאַר איינער! אויפ'ן ראַדיאָ **הערט** מען די נייעס, אָבער דאָ **מאַכט** מען די נייעס... (ווייל דאָ באַשטימט מען וואָס די נייעס זאָל זיין, אויב עס זאָל זיין גוט, אָדער חלילה...).

הגאון ר' זאב איידלמאן זצ"ל האָט דערציילט, אַז אין צייט פון דער מלחמה אין ארץ ישראל אין יאר תשי"ח, האָט געהערשט אַ מורא'דיגער פחד איבער'ן לאַנד, איינגעשלאָסן אויף די גאַסן פון ירושלים עיה"ק. איין טאָג, ווען ס'איז געוואָרן אַביסל רואיגער, דורך אויסלענדישע פאַרמיטלער וואָס האָבן אַביסל באַרואיגט ביידע צדדים, האָט דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל אויסגענוצט די צייט אַרויסצוגיין אויף אַ שפּאַציר כדי צו שעפּן פרישע לופט (דער בריסקער רב זצ"ל האָט געדאַרפט שפּאַצירן יעדן טאָג, אויף דעם באַפעל פון זיין דאָקטאָר).

שפּאַצירנדיג אויף דער גאַס, האָט דער בריסקער רב באַגעגנט אַ ברודער פון ר' זאב איידלמאַן, און אים געפרעגט איבער דעם מצב אין לאַנד. האָט ער געענטפערט פאַר'ן בריסקער רב, אַז נעכטן איז געווען גאָר אַ שווערער טאָג. די באָמבאַרדירונגען זענען געווען שטאַרקער ווי פריער. האָט דער בריסקער רב אים געענטפערט, היינט, ווען דער מצב איז געוואָרן רואיגער, איז יעדער איינער מסיח דעת פונעם מצב, און מ'גייט אַריבער צו די טאָג-טעגליכע ענינים. דער אמת איז אָבער, אַז אדרבה, צוליב דעם דאַרף מען היינט האָבן גרויס רחמים.

דער בריסקער רב האָט צוגעגעבן: מענטשן זענען צוגעוואוינט, אַז נאָך אַ צרה ווען עס ווערט רואיגער, פרייט מען זיך. דער אמת איז אָבער, מ'קען זיך נישט פרייען ביז די ישועה איז בשלימות. אַ ראיה דערצו איז פון מרדכי הצדיק, וואָס כאָטש ער האָט געזען ווי דער מצב הייבט אָן ווערן לייכטער, אסתר איז געקרוינט געוואָרן אלס די קעניגין פון אחשוורוש, און מרדכי איז געווען דער וואָס האָט אויסגעזאָגט אַז בגתן ותרש האָבן געוואָלט הרג'ענען דעם קעניג. אויך נאָך דעם ווי המן האָט - אויפ'ן באַפעל פון קעניג אחשורוש - אַרומגעפירט מרדכי'ן איבער די גאַסן פון שושן, האָט מרדכי זיך נאָך אַלץ נישט געפרייט און ער איז נישט געוואָרן רואיגער, נאָר ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ו, יב) 'וישב מרדכי אל שער המלך', און רש"י טייטשט דערויף: 'לשקו ולתעניתו'. דאָס אַלעס, נאָך דעם ווי עס האָט שוין אָנגעהויבן אויפצושפּראָצן די ישועה, ווייל **אַזוי לאַנג ווי די ישועה איז נישט בשלימות, דאַרף מען מעורר זיין רחמים אַזוי ווי פריער.**

דער בריסקער רב איז טאַקע געזעסן די גאַנצע צייט און געזאָגט תהלים, און ער האָט אויך מעורר געווען דערויף זיינע נאָנטע, זאָגנדיג, אַז **לעתיד לבוא, ווען מ'וועט זען וואָס מ'האָט אַלץ געקענט אויפטוהן מיט'ן זאָגן תהלים, וועט זיך יעדער איינער רייסן די האָר פון קאָפּ פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָגט מער תהלים.**

### מן הבאר

די ספרים טייטשן די ווערטער פון חז"ל (ברכות לב), 'ארבעה דברים צריכים חיזוק' - 4 זאַכן דאַרפן האָבן חיזוק: תורה, מעשים טובים, תפילה, און דרך ארץ. איז לכאורה שווער, **תפילה דאַרף דען האָבן חיזוק? די וואָס דאַרפן האָבן חיזוק, זענען מיר, די מענטשן...** ממילא, וואָלטן חז"ל געדאַרפט זאָגן אַז ביי די דערמאַנטע פיר זאַכן דאַרפן מיר זיך שטאַרקן.

נאָר די כוונה פון חז"ל איז, אַז מיר דאַרפן שטאַרקן אין זיך **די ווערד פון תפילה.** דאָס מיינט, מיר דאַרפן פאַרגרעסערן און מחשיב זיין אין אונזערע אויגן די תפילה, ווי הויך זי איז באמת, צו פאַרשטיין דעם כח פון יעדן וואָרט פון תפילה, אַז עס גייט אַרויף העכער און העכער אין הימל, און עס דערגרייכט ביז צו דעם כסא הכבוד, צו פועל'ן אַלע סאָרטן ישועות פאַר אידן. ווען דער מענטש שטאַרקט זיך מיט דער דאָזיגער ידיעה, 'לויפט' מען שוין אַליין צום דאַווענען...

**ד.** תפילה שיצט דעם מענטש פון אַלע צרות, ווי עס שרייבט דער ש"ך על התורה (פון אַ תלמיד פונעם אריז"ל) אויפ'ן פסוק וואָס שטייט ביי די 'ערי מקלט' (דברים ד, מא-מג) 'אז יבדיל משה שלש ערים וגו' ונס אל אחת הערים האל וחי'.

זאָגט דער ש"ך על התורה, די דריי 'שטעט' זענען אַנטקעגן די דריי תפילות וואָס אידן זענען מתפלל יעדן טאָג, און זיי טוען תשובה צום באַשעפער. ער איז דאָס מרמז אין די ווערטער פון דעם דערמאַנטן פסוק, **'האל וחי'**, וואָס זענען די זעלבע אותיות ווי **'האלו חי'**, אַ רמז אויף די 18 ברכות פון שמונה עשרה, אויסער די 'ברכת המינים'.

ווייל זיי האָבן מורא געהאט אַז די ערד וועט זיי איינשלינגען (געברענגט אין 'מאמר קדישין').

**תפילה איז אַ מצות עשה מדאורייתא וואָס גייט אָן אויך בזמן הזה[ה], ווי דער רמב"ן ז"ל טייטשט** (אין זיינע השגות אויפן 'ספר המצוות' פונעם רמב"ם ז"ל, מ"ע ה) **דעם פסוק** (דברים יא, יג) **'ולעבדו בכל לבבכם' - מיר זאָלן לערנען זיין תורה און מתפלל זיין צו אים אין צייט פון אַ צרה ח"ו[ו], ווי דער פסוק זאגט** (במדבר י, ט)

---

אַזוי זאָגט דער ש"ך על התורה אויך אויף דעם פסוק וואָס שטייט ביי די 'ערי מקלט' אין פרשת שופטים (דברים יט, ב) 'שלוש ערים תבדיל לך'. דאָס וואָרט 'שלוש' איז 'מלא', מיט אַן אות ו', ווייל 3 מאָל די אות ו' באַטרעפט 18. דאָס איז אַ רמז אויף **די אַכצן ברכות פון שמונה עשרה, וואָס שיצן אידן קעגן יעדע צרה שלא תבא.**

**ה.** מיר דאַרפן האָבן אמונה אינעם גרויסן כח פון תפילה בטל צו מאַכן אַלע ביטערע און שווערע גזירות!

די גמרא זאָגט (ברכות ו:) אַז תפילה איז איינע פון די זאַכן וואָס שטייען 'ברומו של עולם', און מענטשן זענען מזלזל אין זיי. איז לכאורה שווער, פאַרוואָס זאָגן חז"ל אַז מענטשן זענען מזלזל אין תפילה, וואָס פון זייערע ווערטער איז משמע אַז יעדער איינער טוט גרינגשעצן דעם ענין פון תפילה. מיר זעען דאָך ווי אַלע אידן יראים ושלמים זענען מקפיד צו דאַווענען מיט מנין דריי מאָל אַ טאָג, און קיינער איז נישט מזלזל דערין ח"ו.

האָט כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל געענטפערט מיט א משל: אַ מענטש האלט אין האַנט אַ טייערן דיאַמאַנט-שטיין, וואָס איז ווערט פילע טויזנטער גאָלדענע רענדלעך. ער האָט גענומען דעם דיאַמאַנט צו אַ גרויסן מומחה, ער זאָל אָפּשאַצן פאַר אים די ווערט פון דעם שטיין, און יענער האָט אים געענטפערט, אַז ער שאַצט דעם שטיין צו זיין ווערד 10 טויזנט רענדלעך. האָט דער אייגנטימער פונעם שטיין גע'טענה'ט, אַז לויט זיין מיינונג איז עס ווערד מער. האָט דער מומחה אים געזאָגט: 'איז דען צען טויזנט גאָלדענע רענדלעך אַ קליינער סכום אין דיינע אויגן?'. האָט יענער געענטפערט, אפילו אויב דו זאָגסט אַז ס'איז ווערד אַזוי פיל געלט, אָבער מיט דיין עצם 'שאַצונג', האָסטו גרינגעשעצט די טייערקייט פון דעם שטיין, ווייל עס איז ווערד פילע טויזנטער מער ווי דו טוסטו עס אָפּשאַצן'.

דאָס איז די כוונה פון דער גמרא, אַז מענטשן זענען מזלזל אין תפילה. דאָס מיינט, **אַז כאטש זיי וויסן אַז אַ איד דאַרף דאַווענען צום באַשעפער, באַגרייפן זיי אָבער נישט אפילו אַן 'אפס קצהו' פון דער חשיבות פון תפילה, אַז עס איז בכח אַרויסצונעמען דעם מענטש פון יעדער ענגשאַפט און צרה. דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטש ווערט אויסגעשטעלט לויט זיין תפילה.**

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט ('תורת אבות', אמונה ובטחון, אות לז) אַז **יעדער איד איז בכח מיט זיין תפילה צו פועל'ן אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, די טובה און די ברכה, באַלד אויפ'ן אָרט. און דאָס וואָס מיר זעען אַמאָל אַז אַ תפילה האָט נישט אויפגעטוהן, איז עס דערפאַר ווייל עס פעלט פאַר'ן מענטש אמונה אין דעם כח פון תפילה. אָבער דער וואָס גלייבט אַז זיין תפילה איז בכח צו שפאַלטן הימלען און פועל'ן פאַר אים אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, האָט זיין תפילה טאַקע די געהעריגע פעולה באַלד אויפ'ן אָרט.**

די גמרא זאָגט (ר"ה יח.), רבי מאיר האָט געזאָגט, צוויי מענטשן זענען געווען נישט געזונט רח"ל, איינער פון זיי איז געוואָרן אויסגעהיילט, און דער צווייטער איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן. צוויי מענטשן זענען געשטאַנען פאַר אַ משפט אויב זיי זאָלן באַקומען טויט שטראָף ח"ו. איינער איז געראַטעוועט געוואָרן און איז אַרויס פריי, אָבער דער צווייטער איז נישט באַפרייט געוואָרן פון דער שטראָף.ביידע האבן גדאַווענט, און פאַרוואָס איז זיין תפילה נישט געענטפערט געוואָרן, און די תפילה פונעם צווייטן איז יאָ געענטפערט געוואָרן? ענטפערט רבי מאיר, דער ערשטער האָט מתפלל געווען אַ 'תפילה שלימה', דערפאַר איז עס געענטפערט געוואָרן, אָבער דער צווייטער האָט נישט גדאַווענט אַ גאַנצע תפילה. זאָגט רש"י, **'תפילה שלימה', 'נתכוין בה'.** ער האָט אין זינען געהאַט ביים דאַווענען.

איז שווער, וואָס פאַר אַ 'מחשבה זרה' איז דען שייך ביי אַ מענטש וואָס עס וואַרט אויף אים אַ טויט-שטראָף אורטייל ח"ו, מיט אַ מיתה משונה, אָדער ער איז חלילה אַ חולה וואָס ליגט על ערש דוי רח"ל. ווי אַזוי איז מעגליך, אַז ער האָט נישט מכוון געווען ביים בעטן געראַטעוועט צו ווערן פון זיין צרה?

ענטפערט הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל, אַז 'נתכוין' מיינט, ער האָט גדאַווענט **מיט דער אַנערקענונג און אמונה אינעם כח פון תפילה.** ער האָט **געוויסט** אַז דורך זיין תפילה וועט ער געראַטעוועט ווערן פון אַ זיכערן טויט. איינער וואָס דאַווענט אויף אַזאַ אופן, איז זוכה צו חיים טובים ארוכים ולשלום.

**ו.** ס'איז באַקאַנט אַז דער גאון און פוסק רבי יוסף שלום אלישיב זצ"ל, איז געבוירן געוואָרן מיט'ן כח פון תפילה.

די מעשה איז געווען, אַז זיין טאַטע, דער גאון רבי אברהם אלישיב זצ"ל, האָט עטליכע יאָר נאָך זיין חתונה

'וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם, מצוה ביי יעדע צרה שלא תבא אז דער ציבור זאָל שרייען והרעותם בחצוצרות, ונזכרתם לפני ה' אלקיכם'. ס'איז א צום באַשעפער מיט תפילה און מיט בלאָזן שופר, עכ"ל.

---

מיט דער טאָכטער פון דעם גאון און מקובל בעל 'לשם שבה ואחלמה' זצ"ל, באַקאַנט אַלס דער בעל ה'לשם', אין האַמלע, נישט זוכה געווען צו אַ קינד. זענען רבי אברהם און זיין רביצין געפאָרן קיין ווינען (אַ וועג פון צוויי וואָכן צו פאָרן) צו גרויסע פראָפעסאָרן. ליידער, האָבן אָבער די דאָקטוירים געזאָגט, אַז זיי קענען זיי נישט העלפן. איז רבי אברהם צוריקגעקומען אַהיים קיין האַמלע מיט זיין רעביצין. במשך פון גאַנצן וועג - צוויי וואָכן צייט - האָט די רעביצין זיך איינגעהאַלטן נישט צו וויינען, כדי די אַנדערע מענטשן אויפ'ן באַן זאָלן נישט זען ווי זי וויינט.

צוריקקומענדיג אַהיים קיין האַמלע, וואו זיי האָבן געוואוינט אין אַ דירה צוזאַמען מיט איר טאַטן, דער בעל ה'לשם' זצ"ל, איז די רעביצין פון רבי אברהם אַריינגעגאַנגען אינעם דעם הויז וואו עס זענען געלעגן די תבואות און ווייץ אויפ'ן גאַנצן ווינטער, און זי האָט זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט, 'אַראָפּלאָדענענדיג' פון אירע אויגן אַלע טרערן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די לעצטע צוויי וואָכן...

ווען זי איז שפּעטער אַריינגעקומען אין הויז מיט פאַרוויינטע אויגן, איז איר פאָטער, דער בעל הלשם, פונקט געשטאַנען ביים טיר, און דערזעענדיג איר, האָט ער איר געפרעגט פאַרוואָס אירע אויגן זענען אַזוי רויט. לכתחילה האָט זי זיך אַרויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים (נישט וועלנדיג גורם זיין צער פאַר איר טאַטן), אָבער איר פאָטער האָט געדרוקט אויף איר, און זי האָט אים געמוזט דערציילן אַז די פראָפעסאָרן אין ווינען האָבן אויפגעגעבן האָפענונג פאַר זיי צו האָבן קינדער. ס'איז שוין צוויי וואָכן ווי זי האַלט זיך צוריק פון וויינען, אָבער יעצט, אָנקומענדיג אַהיים, האָט אַרויסגעפּלאַצט פון איר דער גאַנצער קוואַל מיט טרערן. האָט איר גרויסער פאָטער, דער בעל ה'לשם', איר געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט (תהלים קמה, יח) 'קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו **באמת**'. וואָס מיינט יקראוהו 'באמת'? איז דער תירוץ, אַז דער פסוק רעדט פון אַזאַ מצב ווי די געפינסט זיך יעצט, ווען די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן האָפענונג פאַר ענק, און פון יעצט און ווייטער האָט איר נישט קיין אַנדערע עצה, ווי זיך צו ווענדן צו דעם אויבערשטען אַליין. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו באמת'.

**צום יאָר**, איז ביי רבי אברהם און זיין רעביצין געבוירן געוואָרן זייער זון, דער גאון רבי יוסף שלום אלישיב זצ"ל, וועלכער האָט שפּעטער פאַרשיינט די וועלט אַלס איינער פון די גרעסטע גדולי הדור.

פון די מעשה קענען מיר לערנען, עס פּאַסירט אַז דער מענטש פלאַנט מתפלל צו זיין צו דעם אויבערשטען, ער זאָל אים העלפן דורך אַ געוויסן דאָקטאָר, א.ד.ג., אָבער איינער וואָס דער דאָקטאָר האָט אים חלילה מייאש געווען ח"ו, ווענדעט זיך נאָר צו דעם אויבערשטען ער זאָל אים העלפן אויף דעם וועג ווי ער פאַרשטייט, און אַזאַ תפילה מוז פועל'ן די ישועה.

אַ יונגערמאַן, אונזערס אַ באַקאַנטער, האָט יאָרן נאָך דער חתונה ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער. ווען ער האָט באַזוכט ביי דעם באַקאַנטן פראָפעסאָר משיח, וועלכער איז איינער פון די גרעסטע ספעציאַליסטן אויף דעם געביט פון העלפן מענטשן האָבן קינדער, האָט דער פראָפעסאָר אים געזאָגט, אַז לויט'ן דרך הטבע, וועט ער קיינמאָל נישט האָבן קיין קינדער.

איז דער יונגערמאַן געוואָרן זייער צובראָכן ביי זיך, און בעיקר האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, ווי אַזוי קען ער נאָכזאָגן פאַר די בני בית וואָס דער פראָפעסאָר האָט אים געזאָגט. האָט ער געטוהן וואָס חז"ל זאָגן (ב"ב קטז.) 'ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים', און ער איז אַריבערגעגאַנגען צום הויז פון דעם גאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל, און זיך מזכיר געווען פאַר אים. האָט רבי חיים אים געזאָגט, 'וואָס קען איך דיר העלפן?'...

איז דער יונגערמאַן אַריינגעגאַנגען אין דער דערנעבנדיגער 'לעדערמאַן' שול אין בני ברק, וואָס איז אין יענע שעה געווען ליידיג פון מענטשן, און אויסגעשריגן:

**- אוי, רבונו של עולם, נישט פראָפעסאָר משיח, און נישט רבי חיים, נאָר איך און דו געפינען מיר זיך יעצט דאָ אין שול. איך פאַרלאָז זיך נישט אויף קיינעם, נאָר אויף דיר, באַשעפער. בעט איך דיר, העלף מיר, העלף מיר!**

**דער יונגערמאַן איז היינט אַ טאַטע פון 9 קינדער, זין און טעכטער, בלי עין הרע.**

**עס** שטייט אין מדרש תנחומא (בשלח, ט) אויפ'ן פסוק (ישעיה מא, יד) 'אל תיראי תולעת יעקב'. די אידן ווערן צוגעגליכן צו אַ 'תולעת' - אַ ווערימל, פונקט ווי אַ ווערימעל עסט אויף דעם גרויסן שטאַרקן טענענבוים מיט איר מויל, די איז קליינע ווערימל איז טאַקע ווייך אבער זי שלאָגט אַ האַרטע זאַך, אַזוי אויך אידן, איז זייער גאַנצער כוח נאָר מיט תפילה פון זייער מויל, און אַזוי זאָגט דער פסוק (בראשית מח, כב) 'ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי'. האָט דען יעקב אבינו ע"ה גענומען פון עשו מיט זיין שווערד און מיט זיין פייל און בויגן? דער פסוק זאָגט דאָך שוין (תהלים מד, ז) 'לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיעני'. נאָר וואָס דען? דאָס וואָרט 'חרבי' מיינט תפילה, און 'קשתי' מיינט בקשה.

**אויך** געפינען מיר אין דער היינטיגער פרשה (טז, טו) 'אל תפן אל מנחתם'. זאָגן די ראשונים (זע רמב"ן) אַז 'מנחתם' מיינט [דו זאָלסט נישט אויסהערן] זייער תפילה. דאָס הייסט, משה רבינו ע"ה האָט געבעטן דעם אויבערשטען ער זאָל נישט אָננעמען די תפילה פון קרח און זיינע מענטשן, וואָס קרח וויל דינען אלס כהן גדול.

**איז** שווער, קרח איז דאָך געקומען און אונטערגעגראָבן די אמונה פון אידישע קינדער אין משה רבינו ע"ה, און אַזוי האָט ער גורם געווען אַ גרויסן חורבן ביים אידישן פאָלק, און אָנגעמאַכט אַ מחלוקת מיט משה און אהרן, און טראָץ דעם אַלעם האָט משה רבינו ע"ה נאָך אַלץ מורא געהאט אַז דער אויבערשטער וועט אָננעמען קרח'ס תפילה, און ער וועט אים געבן די כהונה גדולה, אין דער צייט ווען די כתר כהונה איז געגעבן געוואָרן צו אהרן הכהן על פי דין, און אויפ'ן באַפעל פון באַשעפער.

**נאָר** וואָס דען, פון דאָ זעען מיר ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון תפילה, אַז עס איז נישט אָנגעוויזן אויפ'ן מצב פון דעם מענטש, און אפילו אויב ער האָט גאָר אַסאַך געזינדיגט, האָט ער נאָך אַלץ אַ גרויסן כח צו פועל'ן ביי דעם אויבערשטען וואָס ער בעט פון אים[ז], אַזוי ווייט אַז משה רבינו ע"ה האָט געדאַרפט בעטן פון באַשעפער 'אל תפן אל חטאתם' - דו זאָלסט

---

**ז.** אגב, אין דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (יז, יא) ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים קטורת, והולך מהרה אל העדה וכפר עליהם כי יצא הקצף מלפני ה'. זאָגט רש"י, אַז דעם דאָזיגן סוד האָט דער 'מלאך המות' אים איבערגעגעבן ווען ער איז אַרויפגעקומען אין הימל, אַז '**קטורת' האַלט אָפּ אַ מגיפה.**

אויך איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש, אַז נישט נאָר אַז דאָס מקטיר זיין 'קטורת' האַלט אָפּ די מגיפה, נאָר אויך דאָס **זאָגן די פרשה פון קטורת טוט אָפּהאַלטן די מגיפה און איז מבטל שלעכטע גזירות.**

אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש (פ' וירא, מדרש הנעלם, ק:), רבי פנחס האָט געזאָגט, איינמאָל בין איך געגאַנגען אויפ'ן וועג, און אליהו הנביא זכור לטוב האָט מיך באַגעגנט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין צייט פון אַ מגיפה רח"ל, גייט אַרויס אַ 'כרוז' (בת קול) פונעם באַשעפער צו אַלע מלאכים אין הימל, אַז אויב אידן וועלן זיך צוזאַמענקומען אין די בתי מדרשים און זיי וועלן זאָגן מיט כוונה די פרשה פון קטורת, וועט די מגיפה זיך אָפּטוהן פון זיי.

אויך זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ב, ריח:) אַז **יעדער** וואָס וועט לייענען די פרשה פון מעשה הקטורת **מיט כוונה**, וועט געראַטעוועט ווערן **פון אַלע שלעכטע זאַכן אויף דער וועלט**, און פון אַלע פגעים און **שלעכטע מחשבות**. 'ולא יתזק כל ההוא יומא, דלא יכיל סטרא אחרא לשלטא עליה' - און **ער וועט נישט געשעדיגט ווערן יענעם גאַנצן טאָג**, ווייל די 'סטרא אחרא' וועט נישט קענען געוועלטיגן איבער אים.

לויט דעם, האָט כ"ק אדמו"ר מטשערנאָביל שליט"א געטייטשט די ווערטער פונעם 'אבן עזרא', אויפ'ן לשון פון פסוק, 'קח את המחתה ושים קטורת'. דער פסוק זאָגט נישט '**ה**קטורת', נאָר 'קטורת', '**והמשכיל יבין**', עכ"ל פונעם 'אבן עזרא'.

זאָגט דער טשערנאָבילער רבי שליט"א, אַז פאַר'ן 'אבן עזרא', איז שווער געווען דער לשון פונעם פסוק, פאַרוואָס וועגן די מחתה זאָגט דער פסוק '**ה**מחתה', מיט אַן איבעריגן אות ה', און ביי קטורת שטייט 'קטורת', אָן אַ ה'. און אויף דעם האָט דער 'אבן עזרא' געשריבן די ווערטער 'והמשכיל יבין', אַז עס שטייט נישט '**ה**קטורת', נאָר 'קטורת', ווייל די כוונה איז נישט דווקא צו די באַקאַנטע קטורת וואָס איז געווען אין בית המקדש, אַז נאָר זי שטעלט אָפּ

ניטש צובייגן דיינע אויערן כביכול צו הערן די תפילות פון די רשעים (זע 'אור יחזקאל', ח"ה, ע' ר"פ).

### ויודע ה' את אשר לו - אַ איד האָט אייביג האָפענונג תשובה צו טוהן

'**בוקר** ויודע ה' את אשר לו ואת הקדוש והקריב אליו' (טז, ה). דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער זיי באפוילן צו ווארטן ביז אינדערפרי, און נישט געהייסן באַלד מקטיר זיין דעם קטורת.

**ענטפערט** דער גאון בעל 'ערוגת הבושם' זצ"ל (פרשתנו, ד"ה 'ולא יהיה כקרח'), אַז די ראשי סנהדראות זענען געווען צדיקים, און משה רבינו האָט געוואוסט, אַז ביינאַכט, ווען זיי וועלן זיך לייגן שלאָפן, וועט יעדער איינער פון זיי מאַכן אַ חשבון הנפש, אַזוי ווי א ערליכע איד פירט זיך, און דעמאָלט וועלן זיי פאַרשטיין דעם גרויסן מכשול וואָס זיי זענען געשטרויכלט געווארן, און זיי וועלן תשובה טוהן פאַרן באַשעפער ברוך הוא.

**באמת** האָט טאַקע אַזוי פאַסירט. זיי האָבן געמאַכט אַ חשבון הנפש, און אַלס רעזולטאַט דערפון האָבן זיי זיך זייער געשעמט, און האָבן געטראַכט ביי זיך, מיט וואָס פאַר אַ פנים וועלן מיר צוריקקומען צום באַשעפער. זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי האָבן חלילה פאַרלוירן האָפענונג, און זיי האָבן מחליט געווען צו שטאַרבן ווי איידער צו לעבן.

**דער** אמת איז אָבער, אַז די האַנט פונעם באַשעפער איז אויסגעשטרעקט פאַר יעדן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן, און זיי האָבן נישט געדאַרפט זאָרגן. אדרבה, ווען דער מענטש שפּירט אין האַרץ אַ בושה, ער שעמט זיך מיט זיינע שלעכטע מעשים, דאָס אַליין איז דער עיקר פון די תשובה, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ז.) 'טובה מרדות אחת בלבו של אדם'. דאָס אַליין איז די בעסטע הכנה צו די עבודה פון אַ איד.

**אויף** דעם האָט דער אויבערשטער געזאָגט (יז, ג) אַז אהרן זאָל נעמען די 'מחתות' פון די 'חטאים האלה בנפשותם', ווייל זיי האָבן געמאַכט אַ ביטערן טעות, ווען זיי האָבן געוואָלט האָבן מסירות נפש מער נישט צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל זיי האָבן געמיינט אַז עס איז נישט פאַרהאַן פאַר זיי אַ האָפענונג תשובה צו טוהן. האָט דער אויבערשטער געהייסן מאַכן אַ צודעק פאַר דעם מזבח, 'זכרון לבני ישראל' - אַז אידן אין אַלע דורות זאָלן דאָס וויסן און געדענקען[ח], קיינער

---

די מגיפה, נאָר אויך 'קטורת' וואָס איז נישט באַקאַנט, וואָס דאָס איז **צו זאָגן די פרשה פון קטורת, איז אויך בכח בטל צו מאַכן אַלע גזירות.**

לויט דעם איז אויך פאַרשטענדליך וואָס דער 'תרגום יונתן' זאָגט אויפ'ן פסוק 'ויעמוד בין המתים ובין החיים' (פסוק יג), 'וקם ליה אהרן בצלוי'. אהרן איז געשטאַנען און מתפלל געווען צווישן די טויטע און די לעבעדיגע. איז שווער, וואו קומט דאַ אַהער דער ענין פון 'תפילה'? אהרן האָט דאָך נאָר געדאַרפט ברענגען קטורת און עס אַוועקלייגן אויף די 'מחתה', און שטיין דאָרט, און דער 'קטורת' וועט שוין אויפטוהן זיינס... נאָר משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו אהרן אַז ער זאָל נעמען קטורת, און **אין צוגאָב צו דעם, זאָל ער אויך זאָגן די פרשה פון קטורת**, כדי דאָס עצם זאָגן די פרשה זאָל טוהן איר פעולה און באַנייען דעם כח **פאַר אַלע דורות** ווען מיר האָבן נישט דעם בית המקדש, וועגן דעם האָט אהרן דעמאָלס זיך געשטעלט דאַווענען...

דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער פון רש"י אויף דעם דערמאנטן פסוק, אַז משה רבינו ע"ה האָט אָנגעכאַפּט דעם מלאך און אים אָפּגעשטעלט קעגן זיין ווילן. האָט דער מלאך אים געזאָגט, לאָז מיך טוהן מיין שליחות וכו'. איז לכאורה שווער, פאַרוואָס האָט דער מלאך דאָ פאַרפירט אַ וויכוח מיט משה רבינו ע"ה, ער האָט דאָך אים אַליין אויסגעזאָגט דעם סוד פון קטורת, אַז עס האַלט אים צוריק פון טוהן זיין שליחות (ווי רש"י שרייבט פריער).

איז דער תירוץ, אַז דער מלאך האָט אים אויסגעזאָגט אַז דאָס מקטיר זיין דעם קטורת איז בכח צו ראַטעווען פון טויט צו לעבן, און דאָ קומט משה און ער גיט צו, אַז אויך דאָס **'זאָגן' די פרשה פון קטורת האָט דעם זעלבן כח ווי דאָס מאַכן קטורת**, און אויף דעם האָט דער מלאך גע'טענה'ט מיט משה און ער האָט נישט מסכים געווען דערצו, ביז אהרן האָט אים געצוואונגען צוריקצוגיין צו משה און ער האָט צום סוף מודה געווען אַז משה איז גערעכט, **אַז אויך דאָס זאָגן די פרשה פון קטורת האַלט אָפּ אַ מגיפה.**

**ח.** אַוודאי דאַרף מען זיין פון די 'מארי דחושבנא', וואָס מאַכן כסדר אַ 'חשבון הנפש', אָבער מען טאָר נישט צוקומען חלילה צו עצבות און ייאוש ח"ו, ווי מ'זעט פון יענעם 'חשבון הנפש', אַז עס האָט זיי געפירט אין

זאָל זיך נישט צוריקהאַלטן פון פרובירן זיך דערנענטערן צו עבודת השם, אפילו אויב ער שעמט זיך צוליב זיינע עבירות אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל אדרבה, פון דאָרט וועט ער ווערן נענטער צום באַשעפער[ט].

---

שאול תחתיות. **אַ חשבון הנפש דאַרף צוברענגען דעם מענטש צו האָבן אַן עליה, און נישט צו פאַלן און ווערן מיואש ח"ו.**

מ'דערציילט, אַז אַ יוגנט-חבר פון הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, האָט זיך געטראָפן מיט אים נאָך עטליכע יאָר וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, און ער האָט אים געפרעגט, 'ווי אַזוי האָסטו באַוויזן צו שטייגן מיט אַזוי פיל מדריגות אין עבודת ה', און איך בין געבליבן...' האָט דער בית אהרן אים געענטפערט:

**- דער חילוק צווישן אונז איז פשוט. אין דער צייט ווען דו האָסט ביי יעדן חשבון הנפש געהאַלטן פאַר דיינע אויגן אַלע דיינע 'נפילות' און ירידות, האָב איך זיך מתבונן געווען אין די 'עליות'. איך האָב כסדר איבערגעטראַכט אַלע זאַכן מיט וועלכע איך האָב היינט זוכה געווען צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, און דורך דעם איז מיר געווען לייכטער פאָרצוזעצן צו שטייגן אויך אַ טאָג שפּעטער. דו ביזט אָבער געבליבן כסדר פאַרנומען מיט דער 'בלאָטע', מיט דיין עבר... נישט אַזוי איז דער וועג פון אַן ערליכן איד זיך צו פירן.**

מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל העובדא: אַלס בחור, האָט ער איין יאָר פאַר דער תקופה פון שובבי"ם, באַשלאָסן 'זיך צו געבן א נעם' און צו שטייגן מער אין תורה און עבודת ה'. ער האָט געהאַט גאַנצע פלענער ווי אַזוי צו וואַקסן און שטייגן. אין אָנהייב איז אַלעס געגאַנגען 'גלאַטיג'. ער האָט געלערנט מיט גרויס התמדה. די דריטע וואָך, האָט ער אָבער געהאַט אַ שטיקל 'דורכפאַל' און אָפּשוואַכונג.

האָט דער יונגערמאַן זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעשריבן אַ בריוו צו זיין רבי'ן, דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זצ"ל. ער האָט פאַר אים אויסגערעכנט אַלע שאיפות וואָס ער האָט פריער געהאַט, און ווי ער האָט לכתחילה מצליח געווען, אָבער יעצט איז ער 'געפאַלן'. דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען צום 'נתיבות שלום', און אים איבערגעגעבן דעם בריוו.

דער 'נתיבות שלום' האָט אַדורכגעלייענט דעם בריוו, און נישט געענטפערט מיט אַ וואָרט. ער האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצולייגן אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס איז געלעגן אויפ'ן טיש. אינצווישן איז דער בחור געשטאַנען דאָרט מיט אַ ציטער, נישט וויסנדיג וואָס דער רבי וויל פון אים. עטליכע מינוט צייט, האָט דער 'נתיבות שלום' זיך 'געשפּילט' מיטן שטיקל פּאַפּיר, און עס צעריסן אויף צוויי, נישט אַרויסזאָגנדיג אַפילו אַ וואָרט. ווען ער האָט געענדיגט צערייסן דאָס פּאַפּיר, האָט ער אים דערלאַנגט אַ העלפט דערפון און אים געזעגנט.

דער בחור איז אַרויס פון רבי'נ'ס צימער אינגאַנצן צעטומלט, נישט האָבנדיג די מינדעסטע השגה וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט'ן דערלאַנגען אים דאָס האַלבע שטיקל פּאַפּיר, פאַרוואָס דער רבי האָט עס אים געגעבן, און וואָס ער האָט אים געוואָלט זאָגן דערמיט. ווען ער האָט געקוקט אויפ'ן צעטל האָט ער געזען אַז דאָס איז נישט אַנדערש ווי דער בריוו וואָס ער אַליין האָט פריער דערלאַנגט פאַר'ן רבי'ן. ער האָט באַמערקט אַז דער רבי האָט אַראָפּגעריסן דעם האַלבן בריוו וואו ער שילדערט זיינע שאיפות און פלענער, און די הצלחה וואָס ער האָט געהאַט אין אָנהייב, און נאָר דעם דאזיגן חלק האָט ער אים צוריקגעגעבן...

דאַן האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם רבי'נ'ס 'ענטפער', אַז ער האָט אים געמיינט צו זאָגן: **קוק אויף דיינע הצלחות, און נישט אויף דיינע שטרויכלונגען, און נאָר אַזוי וועסטו קענען שטייגן העכער און העכער!**

**ט.** דער טריסקער מגיד זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט דעם קאַפּיטל 'למנצח לבני קרח מזמור', פאַר תקיעת שופר אין ראש השנה, ווייל ווען מיר שטייען פאַר די תקיעות און מיר האָבן אַ התעוררות צו תשובה, קען זיך אַמאָל מאַכן אַז מיט זיין 'חשבון הנפש' קען דער מענטש קומען זיך מייאש צו זיין ח"ו, אַז ער האָט נישט מער קיין האָפענונג, און ער נעמט אָן אַ 'באַשלוס', אַז עס וועט נישט העלפן זיין תשובה. צוליב דעם דערמאָנט מען אים די מעשה מיט די קינדער פון קרח ('למנצח לבני קרח מזמור'), אַז זיי זענען איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד, און אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי תשובה געטוהן, און זיי האָבן זוכה געווען אַז מ'האט צוגעגרייט פאַר זיי אַ ספּעציעלן אָרט אין גיהנום (סנהדרין קי.).

**פון דעם קען יעדער איד לערנען, אַז אויך אויב איינער איז חלילה 'גוט אין דער ערד' ח"ו, קען ער נאָך אַלץ תשובה טוהן צום באַשעפער און ווערן באַוויליגט פאַר אים.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'מרגליות הים' (סנהדרין קט:, אות ד) אַז ער האָט געהערט פון פריערדיגן בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין טאַטן, דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אַ טעם פאַרוואָס משה רבינו ע"ה האָט געבעטן אַז קרח און זיינע מענטשן זאָלן אַריינגיין 'חיים שאולה' - לעבעדיגערהייט אין שאול תחתיות. האָט דען משה רבינו ע"ה געוואָלט חלילה נקמה נעמען אין זיי אַז זיי זאָלן האָבן יסורים (ווייל אַ מענטש וואָס לעבט, שפירט זיינע יסורים).

האָט דער בעלזער רב געענטפערט, אַז משה רבינו ע"ה האָט רחמנות געהאַט אויף יעדן אידישן נפש, ער זאָל נישט חלילה פאַרשטויסן ווערן פון קדושה - 'לבלתי ידח ממנו נידח'. **אַזוי לאנג ווי דער מענטש לעבט, קען ער תשובה טוהן.** וועגן דעם האָט משה רבינו ע"ה געבעטן זיי זאָלן בלייבן לעבן, כדי זיי זאָלן קענען תשובה טוהן.

אין די פרשה די וואך לערנען מיר, אז משה רבינו ע"ה האט געמאכט א סימן צו צייגן אז דער אויבערשטער האט אים געשיקט, און נישט אז ער מיינט חלילה זיין אייגן כבוד, ווי דער פסוק זאגט (טז, כט) 'אם כמות כל האדם ימותון אלה וגו' לא ה' שלחני'. פרעגט דער טשעכאָנאָווער רבי, הרה"ק רבי אברהם זי"ע, אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט משה רבינו ע"ה געקענט מאַכן אזא סימן. ס'איז דאָך מעגליך אַז זיי וועלן תשובה טוהן, ממילא וועט די ערד נישט עפענען איר מויל. צי דען ווען מען דעמאָלס זאָגן 'לֹא ה' שְׁלָחָנִי'?

האָט דער טשעכאָנאָווער רבי געענטפערט, אַז צוליב דעם האָט משה רבינו ע"ה געזאָגט 'אם כמות כל האדם ימותון **אלה'** (מיטן דגוש אויפן וואָרט 'אלה'), ווייל אַ בעל תשובה ווערט דאָך ווי אַ ניי-געבוירן קינד, ער איז ווי אַן אַנדערער מענטש. ממילא, **אויב זיי וועלן תשובה טוהן, וועט עס נישט גערעכנט ווערן אַז 'אלה' - די דאָזיגע מענטשן זענען געראַטעוועט געוואָרן, ווייל זיי זענען געוואָרן אַנדערע מענטשן, נייע באַשעפענישן.** (געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש', ח"א, אות ו)

דער פשעוואָרסקער רבי, הרה"ק ר' יאנקעלע זי"ע, האָט דערציילט, אַז אין דער שטאָט צאַנז האָט געוואוינט אַ יונגע אלמנה מיט 14 קליינע קינדער. אין אַ טאָג איז די אלמנה געווארן נישט געזונט ל"ע, און איז שוין געשטאַנען ממש פאר די פטירה רח"ל. מ'האָט שוין אַפילו אַריבערגערופן צו איר די חברה קדישא.

ווען מ'האט איר מזכיר געווען פאַר'ן צאַנזער רב, דער הייליגער 'דברי חיים' זי"ע, איז דער צאַנזער רב דערציטערט געוואָרן [ווי ער האָט אַליין געזאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט נישט מורא פון מלאכים און שרפים, נאָר פון די טרערן פון אַן אלמנה און יתומים], און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שול און אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: 'רבונו של עולם, מיר האָבן שוין נישט קיין כח עס אויסצוהאַלטן. און וויבאַלד 'צדיק גוזר והקב"ה מקיים', בין איך גוזר 'בגזירת עירין קדישין', אַז דו זאָלסט שיקן אַ רפואה שלימה פאַר פלונית בת פלונית'.

די תפילה פון צאַנזער רב האָט טאקע געהאלפן, און די אלמנה איז געזונט געוואָרן. שפּעטער האָט דער זון פונעם צאנזער רב, דער גארליצער רב, הרה"ק ר' ברוך'ל זי"ע, זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט זיין טאַטן, 'ילמדינו רבינו', ערשט עטליכע טעג פריער האָב איך געהערט ווי דער טאַטע קלאָגט און וויינט אַז ער שעמט זיך אַריינצוקומען אין שול צוליב זיינע פילע 'חטאים ופשעים' רח"ל. ווי אַזוי האָסטו יעצט געקענט זאָגן וועגן זיך אַז דו ביזט אַ צדיק, און דו ביזט גוזר בתורת 'צדיק גוזר והקב"ה מקיים'?

האָט דער צאַנזער רב זי"ע אים געענטפערט מיט פאַרוואונדערונג: **'וואָס איז דאָ די סתירה? אַזוי פירט זיך אַ איד, נעכטן איז ער געווען אין דער נידריגסטער מדריגה, און היינט איז ער אין דער בחינה פון 'צדיק גוזר'...**

און כאָטש ס'איז נישט דאָ קיין ספק אַז מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער 'שפל המצב' פון הייליגן צאַנזער רב שי"ע, און הלוואַי זאָלן מיר לכל הפּחות זיין אין דער מדרגה פון דעם צאַנזער רב'ס 'שפל המצב'... קענען אָבער מיר אַלע זיך לערנען פון זיינע הייליגע ווערטער, וואָס עס איז נוגע צו יעדן איד, **אַז דער היינטיגער טאָג האָט נישט אַ שייכות מיט'ן 'עבר'. אויך אויב אַ מענטש איז נעכטן געשטאַנען ביים טויער פון גיהנום ח"ו, איז ער בכח זיך אויפצוהייבן אין איין מינוט ביז צו די העכסטע מדרגות.**

## מן הבאר

כ"ק הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א האָט געזאָגט, דער באַשעפער האָט אונז געגעבן אַ וואונדערליכע מתנה וואָס רופט זיך 'עתיד', כדי מ'זאָל קענען מתקן זיין דעם 'עבר'. ס'איז אַ גרויסע נאַרישקייט אַריינצופאַלן אין יאוש דורך 'איבערדרייען די יוצרות', צו נעמען דעם 'עבר', כדי קאַליע צו מאַכן דעם 'עתיד'...

**ולא יהיה כקרח וכעדתו - די עבירה פון מחלוקת איז ערגער פון עבודה זרה**

**אין** דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (יז, ה) 'ולא יהיה כקרח וכעדתו'.

**די** גמרא זאָגט (סנהדרין קי.) אויפ'ן פסוק 'ויקם משה וילך אל דתן ואבירם', האָט ריש לקיש געזאָגט, פון דאָ לערנען מיר אַז 'אין מחזיקין במחלוקת' - מ'טאָר נישט אָנהאַלטן אַ מחלוקת[י], ווייל רב האָט געזאָגט אַז יעדער וואָס האַלט אָן אַ מחלוקת איז עובר אויף דעם לאו פון 'ולא יהיה כקרח וכעדתו'. זאָגט רש"י, 'אין מחזיקין', אַז אויך אויב די מחלוקת האָט זיך שוין אָנגעהויבן, טאָר מען נישט אָנהאַלטן און פאַרזעצן מיט די מחלוקת, נאָר מ'דאַרף זיך אַראָפּלערנען פון משה רבינו ע"ה, וואָס ער האָט מוחל געווען אויף זיין כבוד און ער איז אַליין געגאַנגען צו דתן און אבירם, כדי בטל צו מאַכן די מחלוקת.

**ס'איז** קלאָר אַז ווען די מחלוקת האַלט שוין אינמיטן ברענען איז זייער שווער זיך אָפּצושיידן דערפון, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף דער מענטש זיך אָנשטרענגען און אַנטלויפן דערפון, דורך דעם וואָס ער איז זיך מתבונן אין דעם וואָס אַ מחלוקת קען ברענגען ח"ו, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ה, יג) 'והמשכיל בעת ההיא ידום', ווייל שפּעטער וועט ער זען אַז די גאַנצע האַרעוואַניע איז געווען פאַר זיין טובה, ווייל דאָס לעבן פון אַ בעל מחלוקת איז דאָך נישט קיין לעבן. איבעראַל וואו ער ווענדעט זיך איז ער אַרומגענומען מיט קריגערייען.

**דער** קלוגער מענטש איז אָבער יאָ אַ 'רואה את הנולד'[יב], און ווען ער טרעפט זיך ביים אנהייב

---

**י.** דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל האָט געזאָגט, ס'איז קלאָר אַז דער פסוק 'ולא יהיה כקרח וכעדתו', רעדט נישט וועגן איינעם וואָס איז **נישט** גערעכט מיט זיין טענה, אַז ער טאָר נישט מאַכן קיין מחלוקת, ווייל דאָס איז דאָך פשוט. **אדרבה, אויך ווען דו ביזט גערעכט, זאָלסטו זיך דערווייטערן פון מחלוקת.**

דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געזאָגט אַ טעם פאַר דעם מנהג ישראל אַריינצווזינגען ווען אַ חתן דרש'נט ביי זיין חתונה, און מ'לאָזט אים נישט אויספירן זיינע ווערטער, ווייל מיט דעם וויל מען לערנען דעם חתן, וואָס שטייט ביים אָנהייב און ער גייט בויען אַ אידישע היים, אַז **'א איד טאָר נישט אויספירן'**, ער זאָל זיך נישט האַלטן ביים זייניגן מיט אַן עקשנות צו פרובירן אויפווייזן זיין גערעכטיגקייט מיט פלפולים, קשיות און תירוצים, נאָר ער זאָל אָפּשטעלן זיינע ווערטער...

**יא.** דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל זאָגט (פ' קרח, ד"ה 'וישלח משה'), אַז פון דעם וואָס משה רבינו ע"ה האָט געשיקט שליחים צו רופן דתן ואבירם, לערנען מיר אַז מ'טאָר נישט זאָגן, יענער האָט דאָך שוין אַ 'חזקה' אַלס אַ בעל מחלוקת, ער איז צוגעוואוינט צו מאַכן קריגערייען פון נעכטן און אייער-נעכטן... און אַז דערפאַר האָט עס נישט קיין זינען אים צו רופן און פרובירן מאַכן אַ פשרה. דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, נאָר **מ'דאַרף אייביג פאָדערן פוןביידע צדדים צו מאַכן שלום**, אַזוי ווי משה רבינו ע"ה האָט גערופן דתן ואבירם, כאָטש זיי האָבן שוין געהאַט אַ 'חזקה' אַלס בעלי מחלוקת. נאָך זייענדיג אין מצרים האָבן זיי זיך אַרומגעקריגט, און איין רשע האָט געשלאָגן זיין חבר. אויך קעגן משה און אהרן האָבן זיי געמאַכט מחלוקת, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות ה, כ) 'ויפגעו את משה ואת אהרן **נצבים** לקראתם בצאתם מאת פרעה', זאָגט רש"י אַז אומעטום וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'נצבים', מיינט עס דתן און אבירם.און דאך האט משה רבינו פראבירט צו מאכן מיט זיי שלום.

דער 'חתם סופר' שרייבט: 'אין מחזיקין במחלוקת' מיינט צו זאָגן, אַז **ביי מחלוקת גייט מען נישט נאָך די 'חזקה'**. דאָס מיינט, אויך אויב ער האָט שוין פרובירט מאַכן שלום דריי מאָל (וואָס איז אַ 'חזקה'), און עס איז אים נישט געלונגען, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר ער זאָל פרובירן אַ צווייטן מאָל, 'וה' יברך את עמו בשלום', עכ"ד.

**יב.** די ספרים פרעגן אויף דעם וואָס מיר געפינען אין דער היינטיגער פרשה, 'והנה פרח מטה אהרן ויצץ ציץ', פרעגן די ספרים, ווען משה און אהרן זענען געגאַנגען צו פרעה, האָט אהרן געוואָרפן זיין שטעקן און ס'איז געוואָרן אַ שלאַנג, און דאָס זעלבע האָבן געטוהן די חרטומים פון מצרים, און אויך זייערע שטעקנס זענען געוואָרן שלענג. דאן האָט דער שטעקן פון אהרן איינגעשלינגען זייערע שטעקנס (ויבלע מטה אהרן את מטותם), און חז"ל זאָגן, אַז עס האָט פאַסירט אַ 'נס בתוך נס', אַז עס האָט איינגעשלינגען זייערע שטעקנס נאָך דעם ווי עס איז שוין צוריק געוואָרן אַ שטעקן אַזוי ווי פריער.

פון אַ מחלוקת, דאַרף ער זיך צוריקהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט זיך אַריינצולאָזן אין דער שרעקליכער בלאָטע וואָס ווערט אָנגערופן מחלוקת, ווייל מ'קען וויסן ווען מ'פאַלט אַריין אין אַ בלאָטע, אבער מ'קען נישט וויסן וואָס ס'איז דער סוף דערפון.

**דער** של"ה הקדוש זי"ע שרייבט אין 'שער האותיות' (אות ב' בריות, יד) אַז די עבירה פון מחלוקת איז 'במשהו', ווייל פון איין פונק פונעם פייער פלאַצט אויס אַ גרויסער פלאַקער[יג], און עס טוט אַלעס פאַרלענדן חלילה, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין ז.) 'האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמיא'. זאָגט רש"י, ווען דער טייך וואַקסט איבער, גייט דאָס וואָסער צומאָל אַרויס צו די דערנעבנדיגע פעלדער אַזוי ווי קליינע רערלעך, און אויב מ'טוט עס נישט באַלד פאַרשטאָפּן, טוט עס זיך אויסברייטערן און מ'קען עס מער נישט פאַרמאַכן.

**דאָס** מיינט, דער אָנהייב פון אַ מחלוקת איז ענליך צום עפענען אַ וואַסער-רער, וואָס אויב מ'שטעלט עס נישט אָפּ באַצייטנס, קען מען עס מער נישט פאַרשטאָפּן.

**דאָס** איז די מציאות ביי אַ מחלוקת וואָס ציט זיך אַמאָל לאַנגע יאָרן, אַז אויך ווען ס'איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן די סיבה פון דער מחלוקת, ברענט נאָך אַלץ דער פייער פון די מחלוקת. אויב מ'וואָלט געדענקט דעם אָנהייב און דעם שורש פון דער מחלוקת, וואָלט מען זיך שוין לאַנג געקענט איבערבעטן, און נאָר ווייל מ'האָט צוגעלייגט האָלץ צום פייער, פלאַקערט עס ווייטער, ה' ירחם.

'והמשכיל בעת ההיא ידום'. דער מענטש וואָס האָט שכל, שווייגט, כדי דער פייער פון מחלוקת זאָל נישט ווערן גרעסער[יד], אַזוי ווי עס שרייבט דער

---

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָ האָט דער אויבערשטער געוויזן אַז ער האָט אויסגעוויילט אהרן דורך דעם וואָס זיין שטעקן האָט אויפגעבליט, און ער האָט נישט באַוויזן דעם זעלבן נס ווי אין מצרים, אַז דער שטעקן פון אהרן זאָל איינשלינגען די שטעקנס פון די אַנדערע נשיאים?

איז דער תירוץ, אַז שוין דאָ לערנען מיר אַ **גרויסן כלל ווי אַזוי מ'דאַרף זיך פירן ביי אַ מחלוקת.** ווען ס'ווערט ערוועקט אַ וויכוח און אַ קריגעריי ווער ס'איז גרעסער פון וועמען, זאָל דער גרעסערער דעמאָלט נישט פרובירן 'איינשלינגען' דעם צווייטן, כדי אויפצואווייזן זיין גרעכטיגקייט, ער זאָל נישט דערנידערן יענעם, נאָר ער זאָל ענדערש זיך אַליין גרעסער מאַכן. ער זאָל מוסיף זיין נאָך מעלות צו זיינע מעלות אין תורה און מצוות, ער זאָל אַרויסגעבן 'פרחים, ציצים ושקדים', ביז יעדער וועט איינזען אַז ער איז גרעסער פון זיין חבר.

מ'דערציילט, אַז דער ווילנער גאון זצ"ל האָט אַלס קינד זיך געשפּילט מיט זיינע חברים אויף אַ ברעט, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ שטיק אייזן. פון ביידע זייטן פונעם ברעט זענען געשטאַנען צוויי יונגלעך, וואָס איז געווען אַזוי ווי אַ 'סווינג', וואָס ווען איינער גייט אַראָפּ, גייט דער צווייטער אַרויף. נאָך אַ צייט האָט אָבער דער גאון פאַרלאָזט דאָס פלאַץ און ער האָט אויפגעהערט צו שפּילן, זאָגנדיג: **ווי אַזוי קען איך שפּילן אַ שפּיל וואָס איז באַזירט אויף זיך אויפהייבן העכער, דורך דעם וואָס מיין חבר גייט אַראָפּ נידריגער?**

דער גאון רבי ישראל סאלאַנטער זצ"ל האָט אַמאָל גייענדיג אויפ'ן גאַס געזען ווי צוויי קינדער שפּאַרן זיך וועגן דעם ווער פון זיי ס'איז העכער, און אינעם וויכוח האָט איינער פון זיי אַראָפּגעשטופּט דעם צווייטן פון די שטיגן, און ער האָט אויסגערופן: 'יעצט בין איך העכער, און דו ביזט נידריגער'. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער זיך אויסגעדריקט גאָר שאַרף דערוועגן, צוגעבנדיג אַז אַזאַ אויפפירונג ווייזט אויף גאָר שלעכטע מידות, ווייל דאָס קינד טוט זיך אויפהייבן דורכ'ן אַראָפּוואַרפן אַ צווייטן.

**יג.** על דרך משל, ווען עס ברענט אַ קליין שוועבל קען מען עס נאָך פאַרלעשן מיט איין בלאָז מיט'ן מויל, אָבער נאָך דעם וואָס עס פלאַקערט שוין אַ גרויסער פייער איז שוין גאָר שווער עס צו פאַרלעשן.

**יד.** מורא'דיגע ווערטער שרייבט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע ('אור הנפלאות, כח, געברענגט אין ספר 'אבני זכרון', ערך מחלוקת) אַז **ס'איז בעסער צו לעבן בשלום מיט'ן חבר, אפילו אויב ס'איז אַ שקר, ווי צו זיין אין אַ מחלוקת מיט אַ צווייטן, אַפילו אויב ס'איז מיט אַן אמת.**

הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט בזה הלשון ('אמרי פנחס', עשי"ת, אות תקיג) אַז **מ'זאָל ענדערש אַוועקלייגן אַסאַך מצוות, אַבי עס זאָל נישט זיין אַ פירוד לבבות אויף אַן אַנדערן איד.**

'פלא יועץ' (ערך כעס), אַז דאָס שווייגן אין צייט פון אַ כעס, איז אַזוי ווי וואַסער פאַר פייער, אַז עס טוט עס אויסלעשן.

**דער** פסוק זאָגט (בראשית יג, ז-ח) 'ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט... ויאמר אברהם אל לוט, אל נא תהי מריבה ביני ובינך'. דער פסוק פאַנגט אָן מיט 'ריב', און ער ענדיגט מיט 'מריבה'.

**זאָגט** אויף דעם דער של"ה הקדוש זי"ע (פ' לך לך, אות לג) אַז ער האָט געהערט על דרך צחות (און אַזוי שרייבט אויך דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע,אין ספר 'תורת משה'), אַז דער פסוק זאָגט 'מריבה' - לשון נקבה, און נישט 'אל נא תהי ריב' - לשון זכר, ווייבאַלד די פאַסטוכער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו קריגן, האָט אברהם אבינו ע"ה זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן למען השם אויפהערן זיך צו קריגן, און נישט חס ושלום מאַכן 'געבוירן' און גרעסער מאַכן די מחלוקת. צוליב דעם האָט אברהם אבינו ע"ה געזאָגט, 'אל נא תהי מריבה' - לשון נקיבה, אַזוי ווי אַ פרוי וואָס טוט געבוירן אַ 'פרי' פון אַ 'פרי'. ס'איז גענוג אַז די מחלוקת האָט זיך שוין אָנגעהויבן, זאָל עס כאָטש זיין אַזוי ווי אַ זכר און עס זאָל זיך יעצט ענדיגן[טו]...

**דער** של"ה הקדוש שרייבט ווייטער, דעריבער, דער וואָס וויל זוכה זיין צו זען די שכינה, זאָל אַנטלויפן פון דער זוהמא פון דעם שלאַנג, און זיך דערווייטערן פון מחלוקת - אפילו פון אַביסל דערפון. מ'דאַרף נישט מאריך זיין וועגן דער שענדליכקייט פון מחלוקת, ווייל אַלע ספרים זענען פול דערמיט.

**דער** של"ה הקדוש ענדיגט צו, אַז מ'זאָל געדענקען איין כלל, אַז די עבירה פון מחלוקת איז ערגער פון דער עבירה פון עבודה זרה, אַזוי ווי מיר געפינען ביי אחאב און ביי שאול. יעדע איד, אויך די שוואַכסטע איד, וואָלט אַוודאי געהאַט מסירות נפש נישט צו דינען עבודה זרה, און ווי אַזוי וועט ער נישט האָבן מסירות נפש זיך צוריקצוהאַלטן פון מחלוקת וואָס איז פיל ערגער פון עבודה זרה?! עכ"ל.

**אויך** דער וואָס שטייט אין אַ זייט, דאַרף זיך צוריקהאַלטן אַפילו נישט אויסצודריקן אַ מיינונג איבער דער מחלוקת[טז], ווייל עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַסירט אַז אַ מענטש זאָל אַרויסגיין ריין ווען ער פאַטשקעט אין בלאָטע. ס'איז פשוט נישט מעגליך אַז מ'זאָל זיך נישט פאַרשמירן די הענט און די פיס און דעם גאַנצן קערפּער אין דער בלאָטע. צוליב דעם דאַרף מען האַלטן

---

**טו.** אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט הרה"צ רבי אשר פריינד זצ"ל, היות ער האָט אַ סכסוך מיט אַ צווייטן, וויל ער וויסן אויב ער זאָל אים רופן צו אַ דין תורה ביים בית דין, אָדער ער זאָל ענדערש מוותר זיין אויף אַלע תביעות און שאָדן האָבן דאָס געלט. האָט רבי אשר אים געהייסן באַלד אַוועקוואַרפן אַלע טענות, און מוותר זיין פאַר יענעם. רבי אשר האָט צוגעגעבן, אויב דו זאָלסט האָבן צוויי ברירות, זיך אַריינצולאָזן אין אַ מחלוקת, אָדער אַריינלויפן אין אַ גרויסן שאָסיי ('הייוועי') ווען עס קומט דאָרט צו פליען אַ 'טראָק' וואָס פאָרט אויף הונדערט קילאָמעטער אַ שעה, זאָלסטו ענדערש אַריינשפרינגען אין דעם 'הייוועי', ווי איידער זיך אריינצולאָזן אין אַ מחלוקת, ווייל אַ טראָק האָט גוטע 'ברעיקס', און ס'איז דא א מעגליכקייט צו איבער-לעבן, אָבער **אַ מחלוקת איז זיכער אַז ס'הרג'עט ח"ו** (ברענגט אין 'מעט מן האור', ספינקא).

**טז.** הרה"ק בעל אמרי נועם זי"ע האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן משל (אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט אַ מחלוקת צווישן צוויי רבי'שע הויפן), אַז ס'האָט אַמאָל פּאַסירט אַז דער לייב, דער קעניג פון די חיות, האָט נישט געגעסן אַ לאַנגע צייט, אַזוי אַז ס'האט זיך געשפּירט פון זיין מויל אַ שלעכטער ריח. האָט דער לייב צוגערופן דאָס אייזל און אים געפרעגט, וואָס פאַראַ ריח שפּירט מען פון מיין מויל? האָט דאָס אייזל געענטפערט, דער קעניג זאָל מיר מוחל זיין, אָבער פון דיין מויל שפּירט זיך אַ שרעקליכער ריח אויף אַ ווייטער שטרעקע.

איז דער לייב געוואָרן אויפגערעגט, און ער האָט אָנגעשריגן דאָס אייזל: 'אַזוי רעדט מען צו אַ קעניג?'... און ער האָט אים אויפ'ן אָרט פאַרציקט לעבעדיגערהייט. דערנאָך האָט דער לייב צוגערופן דעם וואָלף, און אים געפרעגט: 'וואָס פאַר אַ ריח האב איך אין מויל?'

האָט דער וואָלף, וועלכער האָט שוין געזען וואָס עס האָט פאַסירט מיט'ן אייזל, געענטפערט: 'פונעם קעניג'ס מויל שפּירט זיך אַ גוטער ריח פון בלומען'... איז דער לייב ווידער געוואָרן אויפגערעגט און געשריגן: "דו זאָגסט דאָך מיר אַ ליגנט אין פנים!' און ער האָט אויך אים פאַרציקט.

אַן אויג באַלד ביים אָנהייב, צוריקצוהאַלטן באַצייטנס די גאַנצע מערכה, אויב ער וועט נאָר אפילו 'בטעות' זיך אריינלאָזן דערין.

**די משנה זאָגט** (אבות פ"א, מי"ב) 'הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום', און דער רמב"ן ז"ל זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (טז, ד) אויפ'ן פסוק 'וישמע משה ויפול על פניו', פאַרוואָס שטייט אַ לשון יחיד, 'ויפול על פניו' און נישט 'ויפלו משה ואהרן על פניהם'?

**ענטפערט** דער רמב"ן ז"ל, אַז אהרן מיט זיין קדושה האָט נישט געענטפערט מיט אַ ווארט ביי דער גאַנצער מחלוקת. ער האָט געשוויגן, אַזוי ווי איינער וואָס איז מודה אַז קרח איז גערעכט מיט זיינע טענות, און אַז באמת איז קרח ראוי צו זיין דער כהן גדול מער ווי ער (אהרן), און דאָס וואָס ער, אהרן, דינט אַלס דער כהן גדול, איז עס נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט משה רבינו ע"ה געהייסן, ווייל ער איז מקיים די גזירה פונעם קעניג.

**לויט** דעם איז די כוונה פון די ווערטער, 'הוי מתלמידיו של אהרן', דו זאָלסט נאָכלויפן דעם שלום און מוותר זיין פון דיינעם, ווייל דער מענטש האָט קיינמאָל נישט שאָדן פון מוותר זיין פאַר אַ צווייטן".

---

איז דאָרט געשטאַנען דער פוקס, וועלכער איז דער קליגסטער פון די חיות, און ווען דער לייב האָט אים געפרעגט וואָס פאַראַ ריח ער שפירט פון זיין מויל, האָט דער קלוגער פוקס געענטפערט: 'ס'טוט מיר באַנג אַז איך קען נישט ענטפערן פאַרן קעניג, ווייל איך בין שטאַרק פאַרקילט, און איך האָב נישט יעצט דעם 'חוש הריח', צו קענען שמעקן'.

דער נמשל איז, אַז דער מענטש דאַרף זיך אַזוי פירן ביי אַ מחלוקת, נישט אויסדרוקן אַ מיינונג ווי איינער פון די צדדים, ווייל צו וועלכן צד ער וועט זיך נאָר נישט צושטעלן, וועט ער הייסן אַ 'מחזיק במחלוקת'. ענדערש זאָל ער זיין אַזוי ווי דער קלוגער פוקס וואָס האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער קען נישט שמעקן, און זאָגן, איך בין נישט קיין 'מבין' אין דעם, און ממילא, וויל איך נישט נעמען אַ שטעלונג, נישט ווי דעם צד און נישט ווי דעם צווייטן צד. דאַן וועט ער פאַרדינען אַזוי ווי דער פוקס, וואָס זיין חכמה האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון רבי שמואל וואזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי', אין וועלכן זכות ער האָט זוכה געווען צו אריכות ימים. האָט הרב וואָזנער געענטפערט מיט דעם דערמאָנטן משל, און צוגעגעבן, 'שוין זיבעציג יאָר וואָס איך בין אַ רב אין בני ברק, און איך האָב אַלע יאָרן געשוויגן. איך האָב זיך געהיטן נישט אַריינגעשלעפט צו ווערן אין קיין שום מחלוקת'. איינער וואָס האָט אַ 'פאַרשטאָפּטע נאָז' און ער קען נישט שמעקן, איז זוכה צו אריכות ימים. 'שומר פיו ולשונו, שומר מצרות נפשו'.

## מן הבאר

מיר אלע ווייסן, אַז אהרן הכהן איז געווען אַן 'אוהב שלום ורודף שלום' (מסכת דרך ארץ, פרק שלום הי"ח), און געברענגט שלום צווישן איין איד מיט'ן צווייטן, און צווישן אַ מאַן און זיין פרוי.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, וואָס פאַראַ סיבה האָבן אידן געהאַט זיך צו קריגן איינער מיט'ן אַנדערן אין מדבר? זיי האָבן דאָך נישט געאַרבעט אָדער געהאַנדלט פאַר פרנסה, ווייל ס'איז אַראָפּגעקומען פאַר זיי מן פון הימל, און זיי האָבן געטרינקען וואַסער פון דעם ברונעם - דער 'בארה של מרים'. אויך זענען זייערע קליידער נישט פאַרפוילט אָדער פאַרשימלט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, ד) 'שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה זה ארבעים שנה'. אויב אַזוי, וואָס פאַרא מחלוקת'ן האָבן אידן געהאַט, וואָס אהרן הכהן האָט געדאַרפט מאַכן שלום צווישן זיי.

איז דער תירוץ, אַז דער יצר הרע טוט איינזייען מחלוקת **אָן קיין סיבה...** ער זעט דערצו אַז ס'זאָל אויסברעכן אַ קליינער וויכוח מיט אַ געווויסן אויסרייד, און דערנאָך פאַרוואַנדלט ער עס אין אַ גרויסן בארג פון מחלוקת...

**יז.** אַן עסקן וועלכער פלעגט אַריינקומען אָפט אין הויז פון דעם גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, האָט אַמאָל געוואָלט מאַכן אַ מחאה קעגן עטליכע עסקנים וואָס האָבן פוגע געווען בכבודו פון רבי שלמה זלמן. האָט רבי שלמה זלמן אים געזאָגט: **ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען עמיצער וואָס האָט שאָדן געהאַט פון אַ וותרנות אין צייט פון אַ מחלוקת.** דעריבער בעט איך דיך אַז דו זאָלסט שווייגן, און בשום אופן נישט גורם זיין אַ מחלוקת.

מיר האָפּען און זענען מתפלל, עושה שלום במרומיו הוא ברחמיו יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל אמן, און מיר זאָלן זוכה זיין צו בנין בית מקדשינו ותפארתינו במהרה בימינו אמן.

---

דער גאון רבי אליעזר טורק שליט"א, רב און מו"צ אין קרית ספר אין ארץ ישראל, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי אים אין שטאָט. אין אַ בנין וואו עס וואוינען עטליכע שכנים, האָבן די שכנים באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן זייערע דירות. ווען מ'האָט אָנגעהויבן בויען, איז אַנטשטאַנען אַ קריגעריי צווישן די שכנים ווער עס דאַרף צאָלן פאַר'ן אויפשטעלן די נייע וואַנט צווישן די שכנים, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף טויזנט שקלים (א באקאנטע שאלה צו וועלכע די רבנים און דיינים זענען שוין געוואוינט), אין צוגאָב צו דעם וואָס יעדער איינער האָט געדאַרפט צאָלן 150 טויזנט שקלים. עס האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת 'עד לב השמים', און מ'האָט זיך נישט געקענט אַרויסזען דערפון, ביז איינער פון די בעלי דין האָט באַשלאָסן מוותר צו זיין פאַר שלום, און ער האָט געגעבן דעם 'קאָנטראַקטאָר' אַ טשעק אויף דער סומע פון 20 טויזנט שקלים, צוגעבנדיג אַז אינעם טשעק איז אויך דא די פינף טויזנט שקלים (אויסער 15 טויזנט וואָס ער איז אים שולדיג געווען).

ווען ס'איז אַריבער אַ צייט און דער יונגערמאַן האָט געזען אַז דער טשעק איז נישט געוואָרן 'דיפאזיט', האָט ער געפרעגט דעם קאָנטראַקטאָר, אויב ער דאַרף נישט האָבן דאָס געלט, אַז ער לייגט נישט אַריין אין באַנק דעם טשעק... האָט דער קאָנטראַקטאָר געענטפערט: איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט, שוין אַ צייט צוריק האָב איך געגעבן דעם טשעק צו אַן אַראַבער וואָס אַרבעט פאַר מיר, און זינט דאַן ווייס איך נישט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט'ן טשעק...

יעצט זענען שוין ביידע געוואָרן נייגעריג אויסצוגעפינען וואו דער טשעק איז פאַרשוואונדן. צום סוף האָט דער אַראַבער זיך מודה געווען פאַר זיי, אַז וועלנדיג פאַרדינען נאָך געלט, האָט ער צוגעשריבן אַ 'זעראָ' צו דעם נומער פון 20,000 שקלים, כדי עס זאָל זיין 200 טויזנט... זייענדיג אָבער פון דעם 'עם הדומה לחמור', האָט ער זיך נישט געכאַפּט, אַז אין דער שורה אונטער דעם נומער אויפ'ן טשעק, איז אויסגעשריבן דער סכום פונעם טשעק מיט ווערטער, און דאָרט האָט ער גאָרנישט געקענט טוישן, אַזוי אַז ווען ער איז געקומען אין באַנק און געוואָלט באַקומען 'מזומנים' פאר 200 טויזנט שקלים, האָבן די באַנק-באַאַמטע אים אָנגעשריגן און האָבן אים נישט געוואָלט געבן אַפילו אַ פּרוטה אויף אַ טשעק וואָס איז אנגאנצן פאלש...

פון דעם לערנען מיר, אַז **דער וואָס איז מוותר פאַר אַ צווייטן, פאַרדינט דאָפּלט**, ווייל אויך זיין חלק וואָס דער יונגערמאַן האָט לכתחילה געדאַרפט צאָלן, האָט ער צום סוף נישט געדאַרפט צאָלן...

## 'הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום'

מיר לערנען אין די פרשה די וואָך, איבער די האַרבקייט פון מחלוקת און ווי ווייט מ'דאַרף זיין אָפּגעהיטן דערפון און מוותר זיין פאַר אַ צווייטן, כדי צו פאַרמיידן אַ מחלוקה. מ'דאַרף געדענקען, אַז מוותר זיין פאַר אַ צווייטן, ראַטעווערט אַמאָל דאָס לעבן פון אַ מענטש פון אַ זיכערע סכנה ח"ו, ווי מ'האָט געזען ביי די פאָלגענדע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט מער ווי פערציג יאָר צוריק, אין יאָר תשמ"ה:

יענעם יאָר, איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכער עקסידענט רח"ל, ווען אַ באַן האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ 'באָס', און עס זענען געווען פילע אומגעקומען און פאַרוואונדעטע ה' ירחם. אין יענע תקופה, האָט אַ תלמוד תורה אין דער שטאָט פתח תקוה, צוגעשטעלט אַן אויספלוג ('טריפּ') פאַר די תלמידים, אין עלטער פון פינף-זעקס יאָר. איינער פון די קינדער, האָט באַקומען פון זיינע עלטערן צען שקלים, צו קויפן פאַר זיך עטליכע זיסקייטן פאַר דעם אויספלוג. ווען דאָס קינד איז אַריינגעקומען אין 'גראָסערי', כדי צו קויפן די זיסקייטן, האָט ער באַמערקט זיינעם אַ חבר ווי ער שטייט און וויינט מיט יאָמערליכע טרערן. איז ער צוגעגאַנגען צו זיין חבר און אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט, האָט יענער אים געענטפערט, אַז מ'האָט אים געשיקט פון דער היים מיט צען שקלים צו קויפן ברויט און מילך פאַר די משפחה, און יעצט זעט ער אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס געלט. ער קען נישט אַהיימגיין אָן דעם ברויט און מילך, און געלט צו קויפן האָט ער נישט. וואָס זאָל ער טוהן?!... האָט דאָס יונגל רחמנות באַקומען אויף זיין חבר, און ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס געלט פאַר זיין חבר, צו קויפן ברויט און מילך. פאַר דעם חבר, איז ממש לעכטיג געוואָרן, עס איז געווען ממש אַן ענין פון 'הצלת נפשות'.

וואָס זאָל אָבער ער, דער ערשטער, טוהן? ער קען דאָך נישט אַהיימקומען אָן די נאשערייען? איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, ער האָט אָנגעפילט זיין זעקל וואָס ער האָט געזאָלט קויפן דערמיט די זיסקייטן (אַזוי איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן, מיטצוברענגען פונדערהיים אַ ליידיגן זעקל, און מ'האָט עס אָנגעפילט אין געשעפט מיט די זאַכן וואָס מ'האָט דאָרט איינגעקויפט), מיט צייטונגען וואָס זענען געלעגן הפקר פאָרנט פונעם געשעפט. דאָס האָט 'אויפגעבלאָזן' זיין זעקל, און עס וועט זיך דאַכטן פאַר זיינע עלטערן אַז ער האָט עס אָנגעפילט מיט די איינגעקויפטע זיסקייטן...

צומאָרגנס, אינעם טאָג פונעם 'טריפּ', האָט דאָס קינד געוואוסט אַז פאַר ער וועט זיך אַרויסלאָזן אין וועג, וועט זיין מאַמע צוגרייטן פאַר אים ברויט און

'סענדוויטשעס', און זי וועט עס אַריינלייגן אינעם זעקל, און דאַן וועט זי זען וואָס ער האָט געטוהן, אַז דאָס זעקל איז פול מיט צייטונג-פאַפירן... האָט דאָס יונגל געזאָגט צו זיין מאַמע, אַז ער דאַרף נישט קיין ברויט פאַר'ן וועג, ווייל ער האָט גענוג זיסקייטן... די מאמע האָט אָבער נישט מסכים געווען אַז ער זאָל זיך אַרויסלאָזן אָן די 'סענדוויטשעס', און זי האָט אַריינגעלייגט דאָס ברויט אינעם זעקל, וואו זי האָט געפונען די צייטונגען... האָט זי אָנגעשריגן איר זון, 'דו טוסט זאַכן הינטער מיין רוקן... וואו זענען די זיסקייטן, און וואו איז דאָס געלט וואָס איך האָב דיר געגעבן צו קויפן די זיסקייטן?' זי האָט זיך נישט באַגעניגענט מיט'ן 'פסק' וואָס זי האָט אים געגעבן, נאָר זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש, און אים געזאָגט, 'מ'וועט שוין רעדן נאָכ'ן טריפּ... לויף יעצט שנעל צום אויטאָבוס, אַז דו זאָלסט אים נישט פאַרשפּעטיגן'. דאָס קינד האָט זיך געשפּירט זייער אומאנגענעם צוליב די רוגזא פון זיין מאמע, און נאָך דערצו, פונעם פּאַטש וואָס זי האָט אים דערלאַנגט... ער האָט זיך נישט געאיילט צו גיין צום אויטאָבוס, און דערווייל איז דער א באָס אַוועקגעפאָרן אָן אים. דאָ, איז דאָס יונגל שוין געווען אינגאַנצן פאַרלוירן: וואָס וועט ער יעצט טוהן, אַהיים, קען ער נישט גיין... וואָס וועט ער זאָגן פאַר דער מאמע, און וואָס וועט זיין מאמע זאָגן... איז ער געגאַנגען אין אַ פּאַרק פון שפּילערייען, ביז נאָכמיטאָג, מיט דער האָפענונג, אַז ביז דעמאָלס וועט זיין מאַמע זיך באַרואיגן...

די מאמע איז אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. דאָרט האָט זי געהערט אַז עס האָט פּאַסירט אַ שרעקליכער אומגליק רח"ל, אַ באַן האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן אויטאָבוס פון תלמידים וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַ 'טריפּ'... און עס זענען דאָרטן דאָ אַסאַך אומגעקומענע רח"ל. די מאמע האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָ רעדט מען פון דעם אויטאָבוס פון איר זון, און זי האָט חושש געווען אַז ער איז צווישן די אומגעקומענע אָדער פאַרוואונדעטע ה' ירחם. זי האָט זיך שנעל פאַרבונדן מיט'ן שפּיטאָל צו הערן אויב מ'האָט אַהין געברענגט אַ יונגל מיט דעם נאָמען. מ'האָט איר אָבער געענטפערט, אַז אַ קינד מיט דעם נאָמען איז נישט געברענגט געוואָרן אינעם שפּיטאָל, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס קינד איז אומגעקומען רח"ל. און דאַן האָט זי זיך דערמאַנט דעם אופן ווי אַזוי זי האָט זיך 'געזעגענט' פון אים, איידער ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג...

אינצווישן איז געוואָרן נאָכמיטאָג, און דאָס קינד האָט באַשלאָסן אַז די מאמע האָט זיך מסתמא שוין באַרואיגט, און מ'קען שוין צוריקגיין אַהיים... צו דער שטוינונג פון דער מאמע דערזעענדיג איר קינד, ווי 'בא הרוג ברגליו', האָט דאָס קינד איר דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ מעגליכן טויט ה' ירחם, אין זכות פון די מצוה פון צדקה וואָס ער האָט

געטוהן, און מוותר געווען פון די רייזע, וויסנדיג אַז ער האָט כאָטש געהאָלפן אַ צווייטן קינד אין זיין קלעם.

פון די מעשה לערנען מיר עטליכע לימודים: ערשטענס, 'צדקה תציל ממות', ווי דער זוהר הקדוש זאָגט, אַז ווען איינער האָט אין זיך די מדה פון רחמנות, טוט דער אויבערשטער אים אונטערשיקן אַן אָרימאַן, כדי אים צו ראַטעווען אין זכות פון די צדקה, **נישט נאָר אויב ער גיט הונדערטער טויזנטער פאַר צדקה, נאָר אפי' אויב ער האָט דערקוויקט זיין חבר מיט צען שקלים...** (אגב, אויך ווען מ'זאָגט יענעם אַ גוט וואָרט, אָדער מ'לערנט מיט אים בחברותא. **יעדע טובה** וואָס מ'טוט פאַר אַ צווייטן, טוט מען פאַר זיך אַליין).

צווייטענס, עס פאַסירט אַמאָל אַז דער מענטש טוט אַ גוטע זאַך, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס אַז ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַן 'עסק ביש'... 'זו תורה וזו שכרה', צו באַקומען אַ פּאַטש פון אַ מאַמע, פאַר אַ מצוה וואָס מ'האָט מקיים געווען... דער אויבערשטער זאָגט אָבער, אַז דייקא דער דאָזיגער פּאַטש האָט צעטומלט דאָס קינד און גורם געווען אַז ער זאָל פאַרשפּעטיגן דעם באָס, און אַזוי איז זיין לעבן געראַטעוועט געוואָרן... ממילא, **זאָל מען קיינמאָל נישט וויינען און פרעגן 'פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער מיר אַזוי געמאַכט', נאָר מ'דאַרף זיך אָנגאַרטלען מיט סבלנות און וואַרטן, וועט מען זען אַז 'כל מאי דעביד רחמנא, לטב עביד'.**

דריטענס, זעען מיר דאָ די סגולה פון די מצוה פון כיבוד אב ואם, אַז מ'איז זוכה דורך דעם צו אריכות ימים, ווייל דאָס קינד האָט דאָך אָנגעפילט דאָס זעקל מיט צייטונגען כדי נישט מצער צו זיין די עלטערן אַז ער האָט נישט געקויפט די זיסקייטן, און ער האָט אויך מוותר געווען אויפ'ן ברויט צו עסן אין משך פון די רייזע (ווייל ער האָט דאָך געזאָגט פאַר זיין מאַמע אַז ער דאַרף נישט קיין ברויט צו עסן, כדי זי זאָל נישט עפענען זיין זעקל), און אויך ווען די מאַמע האָט אים געפּרעגט, האָט ער איר גאָרנישט דערציילט וועגן די מצוה פון צדקה וואָס ער האָט מקיים געווען ביי זיין חבר.